היינטיגער נומער האלט 12 זייטען.

№ 143 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 35 גראשען | Lodzer Tageblat

לאָדזער טאָגעבלאַט

22-טער יאהרגאַנג. | 21 czerwca 1929 r. | פרייטאג, י"ד סיון תרפ"ט. | רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 57, פון אַדמיניסטראַציע 47.

העלענובעק
דער יום-טוב פון יודישען קינדער-דאָרף!

זונטאג, דעם 23 ד. ח. 3 אַ זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין העלענובעק

דער חנוכת-הבית פון די נייע בנינים און דער 5-יעהריגער יובילעאום

פון דער עקזיסטענץ פון אונזער אינסטיטוציע, צו וואס עס ווערען איינגעלאַדענט אלע לאָדזער יודען.

ווילט איהר פערברענגען אַפּאָר שעה אויף דער פרישער לופט און גלייכצייטיג זעהן ווי אַזוי עס ווערען ערצויגען יודישע קינדער אויפ'ן דאָרף, ווי אַזוי ס'ווערן פאַרגעברייט די צוקונפטיגע יודישע פויערים, קומט היינטיגען זונטאָג קיין העלענובעק. בעטייליגט זיך אין גרויסען יום-טוב פון יודישען קינדער-דאָרף.

די פערוואַלטונג פון אינטערנאַט און פערמע אין „העלענובעק".

בעמערקונג: די פייערונג קומט פאָר ביי יעדען וועטער. צופאָהרען קען מען מיט'ן זגערזשער טראַמוויי ביז „העלענובעק", אָדער מיט די ספּעציעלע אויטאָבוסען וואָס וועלען שטעהן אויפ'ן באַלוטער מאַרק זגערזשער 50 אין בערגערס הויז און פאָהרען דירעקט צו דעם אינטערנאַט אין „העלענובעק".

זונטאג, פ' שלח, ד. 30-טען יוני 1929, 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג וועט פאָרקומען די יעהרליכע

גענעראַל פערזאַמלונג

פון דער חברה „בית-ישראל" אין אייגענעם לאָקאַל ביי דער ליטווישער שוהל קילינסקיעגא 29.
מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפענונג דורך דעם פרעזעס הרב ר' משה מנחם יוסף סגל שליט"א, 2) וואַהלען פון אַ פּרעזידענטען, 2 אַססעסאָרען און סעקרעטאַר, 3) קאַסע בעריכט, 4) בעריכט פון דער רעוויזיאָנס קאָמיסיע, 5) טעטיגקייטס-בעריכט פון דער פערוואַלטונג, 6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1929/30, 7) דעבאַטען, 8) וואַהלען פון אַ נייער פערוואַלטונג, קאַנדידאַטען, רעוויזיאָנס קאָמיסיע און קאַנדידאַטען פון דער רעוויזיאָנס קאָמיסיע, 9) פרייע פאָרשלאַגען. אַלע מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך צו ערשיינען.
בעמערקונג: אימפאַלס ווען 4 אַ זייגער וועט נישט ערשיינען די געהעריגע צאָהל מיטגלידער, וועט די פערזאַמלונג פאָרקומען צום 2-טען טערמין, דעם זעלבען טאָג, 6 אַ זייגער אָוונד, מיט דער זעלבער טאָג-אָרדנונג, וועלכע וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאָהל מיטגלידער.

די פערוואַלטונג.

אנאנסען אין „לאָדזער טאָגעבלאַט" האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג

ס'זענען אנגעקומען
לאַסט-אויטאָ-וואָגען
G.M.C. (General Motors Trucks)

מיט 6-צילינדראָווע מאָטאָרען "BUICK" 1½, 2½ און 3½ טאָניגע.

ספּעצ. טיפּ פון שנעל-אויטאָבוס-וואָגען

שנעלקייט 90 קילאָמעטער אין אַ שעה פאַר 20, 30 און 40 פערזאָנען און זענען געאייגנעט פאַר אַ שנעלען און ביליגען טראַנספּאָרט.
גינסטיגע קויפס-בעדינגונגען. גינסטיגע קויפס-בעדינגונגען.
בעזיכטיגען קען מען אין דער בעפולמעכטיגטער פערטרעטונג אויף לאָדזער וואָיעוואָדשאַפט

„ELIBOR, Sp. Akc." Ł. J. BORKOWSKI
Łódź, Kilińskiego 70, telefon 172.

— דער בעקאַנטער — פענסיאָנאַט וויינטרעטער
אין טשאַרניעצקא גורא איז אָפען

פרייזען זעהר צוגענגליכע :—: געשמאַקע, כשר'ע קוך. יעדען אָוונט-ראַדיאָ, דאַנסינג. בעקוועמע אונבעדינגט מיטצוברענגען.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע שוועסטער שוועגערין פרוילין
רחל ליבהאבער אויס וואַרשא
מיט ה' יחזקאל רובינשטיין אויס לאָדז
ווינשען מיר אַ הערצליכען מזל-טוב און אַ גליקליכע צוקונפט.
משה רובינשטיין און פאַמיליע.

פערוויילונגס-אָוונד
פונ'ם יודישען אינוואַלידען-פעראיין אין לאָדז

די פערוויילונג, וועלכע האָט געזאָלט פאָרקומען שבת, דעם 22-טען יוני, איז צוליב טעכנישע סבות אָבגעלעגט געוואָרען.

אין קאָנצעסיאָנירטע
רעכטסקאָנסולטענטען-ביוראָ
פון דוד שפּירא
לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 44

ווערען ערלעדיגט קלויזולעס, פערזיכערונגען א. א. וו. אויך וועקסלען און אַנדערע שולד. בעשייניגונגען ווי אויך אַלע ביטעס, רעקורסען א. ד. גל. שרייבט געזעצמעסיג און ביליג.

בעקאַנטמאַכונג
די פערוואַלטונג פון לאָדזער יודישע חתונה מוזיקער פעראיין
מאַכט בעקאַנט די גאַנצע לאָדזער יודישע בעפעלקערונג און אומגעגענד דאָס פון זונטאָג, ד. 28/VI 1929 געפינען זיך אין זייערע נייע לאָקאַלן
№ 4 זאַוואַדזקאַ
אין אייגענעם לאָקאַל טעלעפאָן 58-64, וואו מיר נעמען אָהן חתונות צו מעסיגע פרייזען, דער פעראיין
איז טעטיג יעדען טאָג
אַ חוץ שבת און יום-טוב פון 11 פריה ביז 3 מיטאָג.
די פערוואַלטונג.

בעקאַנטמאַכונג!

דער פעראיין „עזרת אחים" אין לאָדז,

פראַנציסקאַנער 30. מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז אַזוי ווי מעהרערע פערזאָנען האָבען זיך שוין אין פערשידענע אַנגעלעגענהייטען פערוּפען אויפ'ן נאָמען פון אונזער פעראיין און זענען לחלוטין אונזערע מיטגלידער נישט געווען. און קיין שום בעפאָלמעכטיגונג נישט געהאַט. ערקלערען מיר אַז די דאָזיגע פערזאָנען וועלען צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכע פעראַנטוואָרטליכקייט.
גלייכצייטיג ערקלערען מיר, אַז אונזער פעראיין מישט זיך נישט אין קיין שום פריוואַטע ענינים פערטיידיגענד נור די אינטערעסען פון זיינע אייגענע מיטגלידער.
דער פעראיין פערזעהט זיינע דעלעגאַטען מיט בעפאָלמעכטיגונגען און דעריבער ווערט געבעטען אין דיזען פאַל צו פאָדערן ביי זיי אונזערע בעפאָלמעכטיגונגען.

די פערוואַלטונג.

פאָהרט-געזונד!

אונזער ג' וויצע-פרעזעס ה' יעקב לעווקאָוויטש
צוליב'ן אָפּפאָהר אויף קוראַציע נאָך בוסק ווינשען מיר איהם אַ גליקליכע נסיעה און אַ גוטע ערהאָלונג.

די פערוואַלטונג
פון שעבטער-הורטאָווניקעס-פעראיין, פּאָדזשעטשע 10.

Ciechocinek
„Wiktorja" ווילא — וולאַצלאַווסקאַ-גאַס

Dr. med. W. Łaski
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 1-טען יוני 1929

Doktór
Mikołaj Bornstein
KRYNICA
willa **„Belmont"**

Dr. med. J Kahane
צוריקגעקעהרט
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציאַל פיר הערץ
Radwanska 2, front I-sze piętro.
נעמט אָן פון 5 ביז 7. 3414

Dr. med. Albert Gotlib
אַקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען-קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 26, טעלעפ. 50-77
נעמט אָן פון 8—10 און פון 4 ביז 7 אָוונד.

ווינער אָרטאָפּעדישע פּראַצאָווניע
— אונטער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר ספּעציאַליסט —
מאַכט לויט גיפּס-מאָדעלען וואָקלאַדקעס געגען פלאַט-פיס קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען און אַפּאַראַטען
א. ז. וו. גדאַנסקאַ 28 וו. 1 פון 5—7 אָוונד.

Dr. L. PIKIELNY
ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָזען, אורין-קראַנקהייטע
Nawrot 8, telefon 19-90
נעהמט אָן פון 4 — 7 אין אָוונד ווי אויך אין דער לעטשניצע "Zdrowie" נאַוואָמיעסקאַ 3 פון 12½—2.

Dr. med. Józef Imich
ספּעציאַל-אַרצט פאַר האַלז, נאָז, אויערען און קעהל קאָפּ-קראַנקהייטען מאָניושקי 1
Moniuszki 1, Tel. 9-97
צוריקגעקעהרט.
נעמט אָן פון 1 ביז 2 און פון 5 ביז 7 אין אָוונד

Dr. med Adam BENDER
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
נאַרוטאָוויטשאַ 30 טעל. 14-75
ספּעצ. פאַר אינערליכע און האַרץ-קראַנקהייטען
0085 נעמט אָן פון 5—7 נאָכמיטאָג.

Dr. med. A. Mazur
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויערן, נאָז און האַלז-קראַנק ווי אויך שטום און שפּראַך-פעהלער
וואָלטשאַנסקאַ 65
טעל. 66-01 (46 פּיעטריק. דורך אויך איינגאַנג)

ד"ר מ. קאַליש
צאָהן-אַרצט
זשעראָמסקיעגאָ (פאַנסקאַ) 37
נעמט אָן פון 1—2 נאָכמ. און פון 7 ביז 8 אָוונד
זונטאָג און חגא פון 12 ביז 2 נאָכמ.

ד"ר לודוויג פאָלק
נאַווראָט 7. טעל. 28-07.
ספּעציאַליסט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 נאָכמ.

א פארלאמענט אין ארץ-ישראל?

אנ'אראבישע צייטונג טיילט מיט, אז די רעגירונג האט בעשלאסען איינצופיהרען אין ארץ-ישראל א לעגיסלאטיוון-ראט

צי וועט ווערען איינגעפיהרט א פארלאמענט אין ארץ-ישראל?

י. ט. א. שטעלט פעסט, אז די ידיעה איז פריהצייטיג.

ירושלים, (יט"א) די גוט אינפארמירטע אראבישע צייטונג „אל אקראם" ווייס צו דערצעהלען, אז די רעגירונג האט אנגענומען א בעשלוס איינצופיהרען אין ארץ ישראל א לעגיסלאטיווען ראט לויט'ן מוסטער פון די געזעצגעבערישע קערפערשאפטען אין איראק און עבר הירדן.

די דערמאהנטע צייטונג גיט צו, אז עס ווערט שוין אויך אויסגעארבייט אנ'ענטשפרעכענדער געזעץ מכח איינפיהרען דעם לעגיסלאטיוון-ראט.

ווי יט"א דערוויסט זיך, איז די דאזיגע ידיעה נאך פריהצייטיג.

פון אויטאריטעטע קוועלען גיט מען איבער, אז ביז-אצינד האט מען נאך נישט אנגענומען נישט אין לאנדאן און נישט אין ירושלים קיין קאנקרעטע שטעלונג לגבי דער אראבישער פאדערונג איינצופיהרען אין ארץ ישראל א לעגיסלאטיווען ראט אלס סטאבילע געזעצגעבערישע קערפערשאפט.

בכלל הערשט נישט אין די רעגירונגס-קרייזען קיין בעגייסטערונג פאר'ן אראבישען פראיעקט.

אפגעלייגט דעם לאנד-צוזאמענפאהר פון „טאז".

ווארשא, (טעל.) צוליב דער קראנקהייט פון ד"ר גרשון לעווין, איז דער אלגעמיינער לאנד-צוזאמענפאהר פון „טאז" אפגעלעגט געווארען.

ראיאן-צוזאמענפאהרען פון קאאפעראטיוון-פערבאנד ווערן אפגערופען

ווארשא, (טעל.) תיות ווי דאס אינערן-מיניסטעריום האט נישט בעשטעטיגט דעם נייעם סטאטוט-פראיעקט פון קאאפעראטיוון-פערבאנד, ווערען אלע ראיאן-צוזאמענפאהרען פון די קאאפעראטיווען, וואס האבען געזאלט פארקומען דעם 23 ה. ח. אפגערופען. דער לאנדעס-צוזאמענפאהר פון קאאפעראטיוון-פערבאנד קומט פאר דעם 30 ה. ח. אויפ'ן יסוד פון ביז-אצטיגען סטאטוט.

צו אלע לאדזער יודען

היינטיגען זונטאג פייערט דאס לאדזער יודענטום א גרויסען און דאפעלטען יום-טוב. זונטאג דעם 23. ה. ח. ווערט 5 יאהר זינט עס עקזיסטירט די מוסטערהאפטע פערמע און אונטערנעמונג אין „העלענובעק". צו דעם 5-יעהריגען יובילעאום פון דער דאזיגער, איינציגער און איהר ארט נאציאנאלער אינסטיטוציע, האט די פערוואלטונג בעשלאסען אויך צו פייערן דעם חנוכת-הבית פון די נייע בנינים אין „העלענובעק". עס איז בכן א דאפעלטער יום-טוב פאר אלע לאדזער יודען.

מיר ווענדען זיך דערנבער צו אייך, יודען פון לאדז קומט און בעטייליגט זיך אין אונזער-אייער יום-טוב. קומט און בעטראכט אונזער אינסטיטוציע, וואס מיר האבען אין משך פון אזא קורצער צייט מיט אזוי פיל מיה און אנשטרענגונג, מיט אזוי פיל מסירת נפש און אפפערוויליגקייט געשאפען. מיר ווילען קיינעם פאר די פאלעס נישט רייסען, מיר ווילען קיינעם נישט צווינגען צו געבען געלד פאר אונזער אינסטיטוציע. פאר אונז איז קודם כל וויכטיג די מאראלישע אונטערשטיצונג. מיר ווילען, אז דאס גאנצע לאדזער יודענטום זאל זעהן און וויסען, וואס מיר האבען געשאפען. אדרבה, קומט און ווייזט אונז אן אויף אונזערע פעהלערן, אויב אזעלכע זענען פאראן.

לאדזער יודען קומט זונטאג אויף אונזער שמחה קיין „העלענובעק"!

מיר זענען איבערצייגט, אז 95 פראצענט פון לאדזער יודענטום האט נישט קיין אהנונג פון דעם, וואס מיר האבען געשאפען אין „העלענובעק". מיר ווילען אז איהר זאלט קומען און איבערצייגען זיך אין כח פון אונזער אידעע, א דאנק וועלכער אונז איז געלונגען אויסצובויען „העלענובעק". מיר ווילען, אז איהר זאלט זיך בעקענען מיט אונזער סיסטעם פון קינדער-ערציהונג. מיר האבען זיך געשטעלט די אויפגאבע צו ערציהען א געזונדען יונגען יודישען דור, א מאראליש און פיזיש געזונדען יודישען פויער, לאנד-ארבייטער.

נאר די אידעע פון ציוניזם איבער צו בויען דאס יודישע לעבען אויף נייע יסודות, צו פערוואנדלען דאס יודישע פאלק אין א פראדוקטיווען, שאפענדען עלעמענט, נאר די אידעע האט אונז געגעבען דעם כח און די מעגליכקייט אויפצושטעלען אזא ריזען-ווערק. מיר זענען שוין נאהענט צו דער פערווירקליכונג פון אונזער אידעע. די 5 יאהר ארבייט אין „העלענובעק" האבען אונז בעוויזען, אז מיר געהען אויף דעם ריכטיגען וועג.

סימפאטיקער און פריינד פון אונזער אויפלעבונגס-אידעע, יודען פון לאדז קומט און איבערצייגט אייך אין דעם, וואס מיר האבען געשאפען. קומט אויף אונזער יום-טוב. א חוץ די געלד-שטיצע, ווילען מיר אין דער ערשטער ריי אייער מאראלישע שטיצע. נאר אייער מאסענווייזער אנטייל אין אונזער יום-טוב וועט אונז געבען דעם מוט און ענערגיע, די „חוצפה" (אונזער געוועזענער גרונד-קאפיטאל) ווייטער פארטצוזעצען נאך מיט מעהר מסירות-נפש אונזער גרויסע און היילגע ארבייט.

לאדזער יודען קומט און בעטייליגט זיך אין חנוכת-הבית און אין דעם 5-יעהריגען יובילעאום פון „העלענובעק"!

זונטאג קומען אלע לאדזער יודען קיין „העלענובעק" צו זייער דאפעלטען יום-טוב.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג פון אינטערנאט און פערמע אין „העלענובעק"

פארזיצענדער:

מרדכי חיים רוקאווסקי

בעמערקונג: צופאהרען קען מען מיט'ן זגערזשער טראמוואי ביז דער סטאציע „העלענובעק", אדער מיט די אויטאבוסען, וואס וועלען שטעהן אויפ'ן באלוטער מארק און פאהרען ספעציעל ביז צום אינטערנאט אין „העלענובעק".

יודיש טעאטער אין זאל פילהארמאניע — נארוטאוויטש 20 —

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ

גאסטראלען פון די בערימטע סובערטעין און געזאנג-ליבהאבער

ויערא קאניצעווסקא

פאול ברייטמאן

מיט אנטייל פון מאקס פריז.

טויזענדער מענשן האבן בעוואונדערט די פיעסע

שבת, דעם 22-טען, זונטאג, דעם 23-טען 9 אווענט

דאס חזנד'ל

לעצטע 2 מאל!

אין 3 אקטען פון שטיינבערג, מיט געזאנג און טענץ, ראל שלומה'לע—ויערא קאניצעווסקא, דוד—פ. ברייטמאן.

שבת, 4 נאכמיטאג צו ביליגע פרייזען

דאס חופה קלייד

אין 3 אקטען פון סיגאל, ראל לילי—ויערא קאניצעווסקא, סאלאמאן — פ. ברייטמאן.

מאנטאג, ד. 24. 9 אווענד גרויסע פאפול. פארשט. פון 1 ביז 2.50

די שטארק בעליבטע פיעסע אין לאדז

ויערא קאניצעווסקא די איינציגע אין דער ראל אלס

ציפקע פייער

אין 4 אקטען פון קאליך, ראל מילטאן — פ. ברייטמאן.

דינסטאג, ד. 25-טען ווערט נישט געשפילט

אין אלע פיעסען נעמען אנטייל לויט א. ב. פרויען: בעזמאן, באריסאווא מאכאראווסקא, נערה, פעדערמאן, קארעני, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, איזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש ראקאח.

אדמיניסט.—מ. ארנוואלד. מוזיקאלישע לייט.: ל. זעלמאן.

בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע

אנאנס: — אין פארבערייטונג — די יודישע שיקסע

אין דער לעצטער אמעריק. שלאגער רייזעלע פון יאפאן

יצו אלע חברים און חברות פון לאדזער יודישען טורן- און ספארט-פאראיין „בר כוכבא"

שבת, דעם 22. יוני 6 אזייגער נאכמיטאג צום ערשטען טערמין קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל קאליענא 5 די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער (1 פארשלאגען פון די מיטגלידער, ווי אויך קאנדידאטען-ליסטעס וועלען אנגענומען ווערען ביז'ן 20. יוני 2) מיטגלידער, וועלכע וועלען אויסנוצען זייער מיטגלידס-רעכט מוזען ביז'ן 20. יוני רעגולירען זייערע מיטגלידס-חובות.

חזק ואמץ!

די פערוואלטונג.

בלאק צווישען „התאחדות" און „השומר הצעיר" צו דער קאנגרעס-וואהלען.

ווארשא, (טעל.) דער וועלט-פעראבאנד פון „התאחדות" טיילט מיט, אז די אונטערהאנדלונגען צווישען התאחדות און „השומר הצעיר" מכח שאפען א געמיינזאמען בלאק צו די קאנגרעס-וואהלען, זענען שוין פערענדיגט געווארען. עס איז געשאפען געווארען א בלאק צווישען די צוויי גרופירונגען, וועלכע וועלען ארויסשטעלען געמיינזאמע ליסטען צו די קאנגרעס-וואהלען. דער בלאק איז גילטיג פאר פוילען, גאליציען און רומעניען.

פאר'ן קלויבען די רעפרעזענטאנץ פון פוילישען יודענטום אין דער „יודישער אגענץ"

ווארשא, (טעל.) היינט איז פארגעקומען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א פרעסע-קאנפערענץ, בעת וועלכע די פארשטעהער פון צ. ק. האבען ערקלערט, אז דעם 23. ה. ח. קומט פאר די קאנסטיטואירונג פון געמישטען אינציאטיוו-קאמיטעט, וואס דארף קלויבען די פארשטעהער פון פוילישען יודענטום אין דער פערברייטערטער יודישער „אגענץ". אין דער פראגע וועלען רעפרעזענטירען די יודישע פערטרעטונגען און די שטאט-ראטען און די יודישע קהלות.

צענטראל-קאמיטעט פון רעכטע „פועלי ציון" ביי וואנדערוועלד'ען און קרעמפ'ן.

ווארשא, (טעל.) א דעלעגאציע פון צענטראל-קאמיטעט פון די רעכטע „פועלי ציון" אין די פערזאנען: אונגער, דונס, ד"ר בעקער און בן-צבי האבען היינט בעזוכט וואנדערוועלד'ן. זיי האבען בעגריסט דעם חשוב'ן גאסט צו זיין קומען קיין פוילען און דאן פערפיהרט מיט איהם א שמועס מכח דער פאליטישער לאגע און מכח'ן מצב אין ארץ ישראל. דאן האט די דעלעגאציע בעזוכט דעם פארשטעהער פון די ענגלישער לייבור פארטיי קרעמפ און געשמועסט מיט איהם מכח דער איצטיגער פאליטישער לאגע אין ארץ ישראל.

אין רוסלאנד פערמאכט מען כסדר יודישע שוהלען.

מאסקווא, (יט"א) פון קאזא, אינמאן און א ריהע אנדערע שטעט קומען אן ידיעות וועגען צונעמען יודישע שוהלען, וועלכע מ'האט פערוואנדעלט אין ארבייטער קלובען.

אין פראסקוראוו קומט פאר א קאמף ארום 6 שוהלען, וועלכע מ'וויל פערוואנדלען אין קלובען.

שטרענג כשר

אלע יודען זאלען דאס וויסען!

אז נאר די איינציגע וואורשט-פאבריק פון די פעראייניגטע יודישע פליישער אין לאדז

שטעהט אונטער דער השגחה פון די לאדזער רבנים

הרב ר' יוסעלע פיינער שליט"א והרב ר' מרדכי ניסן קרול שליט"א, און איז אויך פערזעהן מיט די משגיחים נאמנים הרב ר' משה איטשע סטעמפקאווסקי נ"י והרב ר' פנחס בן ר' ישראל לייבעלע מארגענשטערן.

מיר עמפעהלען זיך די געערטע קונדשאפט, צום בייסטעהענדען זומער-סעזאן מיט געשמאקהאפטע לאגער-וואורשט, ווי אויך 2 מאל טעגליך פרישען אויפשניט

מיט אכטונג

די יודישע פעראייניגטע פליישער

אונזערע געשעפטען געפינען זיך:

צענטראלע און פאבריק קילינסקיעגא 60 טעל. 37-65

פיליאלן: פיעטריקאווער 54 טעל. 37-66

פאלודניאווא 9 טעל. 37-67

פיעטריקאווער 114 טעל. 37-68

זגערזשער 2 טעל. 49-82

בעמערקונג פאר פראווינצער סוחרים! אונזער וואורשט-אויסארבייטונג איז פערזעהן מיט אונזערע פירמאווע פלאמבעס.

שטרענג כשר

ריזיגע באַהן-שרפה אין לעמבערג

140.000 ליטער בענזין, פעסער נאַפט, באַהן-מאַגאַזינען און די גאַנצע וואָקזאַל-איינריכטונגען אוועק מיט'ן רויך

מיליטער באַטייליגט זיך אין דער רעטונגס-אַקציע

לעמבערג, (טעל.) היינט דריי פאַרטאָג האָט אויפ'ן לעמבערגער באַהן-הויף אויסגעבראָכן אַ מורא'דיגע שרפה פון וועלכער דער גאַנצער וואָקזאַל, אַלע באַהן סקלאַדען, נאַפט- און בענזין-מאַגאַזינען.

די שרפה האָט אויסגעבראָכן אין די נאַפט-צוסטערנעס און מיט אַ געוואַלדיגער שנעלקייט זיך אַריבערגעטראָגן אין די מאַגאַזינען וואו ס'געפינט זיך אַ גרויסע צאָל נאַפט און בענזין. אין משך פון אַ קורצע צייט זענען אַלע די גרויסע מאַגאַזינען אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען 140 טויזענד ליטער נאַפט און בענזין געשטאַנען אין פלאַמען. פון אַפּראַטעווען איז שוין ניט געווען קיין מעגליכקייט. פון די גרויסע לאַגערן איז געבליבן אַ באַרג אש. צוליב דעם וואָס דאָס פייער האָט זיך גענומען פערשפרייטן אויף די ווייטע הייזער, וואָס געפינען זיך אין שכנות פון וואָקזאַל, זענען צו הילף די פייערלעשער אַרויסגערופן געוואָרן מיליטער. אַ דאַנק די ענערגישע רעטונגס-אַקציע איז געלונגען נישט צו דערלאָזן דאָס פייער זיך פערשפרייטן ווייטער פון וואָקזאַל.

פון דער שרפה איז פערברענט געוואָרן 140 טויזענד ליטער בענזין און נאַפט. צוויי צוסטערנעס און 30 פעסער בענזין, וואָס האָבן זיך געפונען אין די סקלאַדען. דער שאָדען ווערט געשאַצט אויף אַ סומע פון אַ האַלבען מיליאָן זלאָטים.

שטרייק איז די זאַגלעמביער קויהלען גרובענס ליקווידירט

סאָסנאָוויץ, (טעל.) דער שטרייק אין די קויהלען-גרובען'ס, וואָס האָט אויסגעבראָכן מיט פינף טעג צוריק צוליב דעם נישט רעגולערען אויסצאָהלען די שכירות די אַרבייטער איז געלי-מען ליקווידירט געוואָרן. די אַרבייטער האָבן בעקומען אויסגעצאָהלט די גאַנצע שכירות און זענען צוגעטרעטען צו דער אַרבייט.

שול-קינדער מאַכען אַן'אויספלוג און ווערען געטראָפען פון אַ דונער

משענסטאָכאָוו, (טעל.) די קינדער פון דער ראַקאָווער פאָלקס-שול, צוזאַמען מיט די לעהרער און דעם גלח האָבן געמאַכט אַן'אויספלוג אין דעם שטעטעל אָלשטין. אויפ'ן וועג האָט פּלוצלונג גענומען דונערן און בליצען צוזאַמען מיט אַ שלאַגס-רעגען. די קינדער האָבן זיך בעהאַלטען אין אַ קעלער פון אַ שלאָס. פּלוצלונג האָט אַ דונער אַריינגעשלאָגען אין דעם שלאָס, פון וואָס דער גלח סטזישעלעצקי און עטליכע שילערינס זענען פערוואונדעט געוואָרן. דער שול-לעהרער זאַיאָנץ האָט בעקומען אַ מח-ערשיטערונג און אָפּגעבריהט דעם קערפּער. איין שילערין איז פון שרעק בלינד געוואָרן.

אַלוויט-באַהן-קאַטאַסטראָפע מיט מענשליכע קרבנות אין ניו-יאָרק

צוזאַמענשטויס פון צוויי לופט-באַהנען אויף אַ הויך פון 30 מעטער

ניו-יאָרק. (ספּ.) מיט דער לופט-באַהן איז געטען געשעהן אַ קאַטאַסטראָפע וואָס איז נישט אַדורכגעגאַנגען אָהן מענשליכע קרבנות. די לופט-באַהן, וואָס איז בעשטאַנען פון פינף וואַגאָנעס, געפינענדיג זיך אויף דער בריק 70 מעטער הויך איז אַנגעפאָהרען אַ צווייטע באַהן, צוליב וואָס איין וואַגאָן האָט זיך איבער-געקעהרט און איז צושמעטערט געוואָרען אויף שטיקלעך. די דערשראָקענע פּאַסאַ-זשירען האָבען גענומען שפּרינגען פון די וואַגאָנעס אַנטלויפענדיג זיך אין ראַנד פון דער בריק. בעת דער פּאַניק איז איין פּאַסאַזשיר דערהרג'עט געוואָרען און 30 זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

דאָס שטעטעל מאַלאַנאַשט אָפּגע-ברענט געוואָרען.

אַ סך יודישע משפחות געבליבען דאַכלאָז.

קיעלץ, (ספּ.) אין שטעטעל מאַלאַנאַשט האָט געטען פון אַן'גומבע-וואוסט סבה אויסגעבראָכן אַ שרפה. צוליב דעם שטאַרקען ווינד האָט דאָס פייער אַרומגעכאַפּט איין הייזעל נאָכ'ן צווייטען. צוזאַמען זענען אָפּגעברענט געוואָרן 40 הייזער, צווישען וועלכע ס'געפינען זיך אַ סך יודישע.

די נשרפים צוזאַמען מיט די קינדער וואַלגערען זיך אונטערן פרייען הימעל.

דעמאָקראַטיע און ביינער-ברעכעריי

אויסערגעוועהנליך שאַרפער אַרטיקעל פון „ראַבאָטניק" געגען פּולק. סלאַוועק'ס רעדע אין לאָדז. — אויך די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" טרעט אַרויס שאַרף געגען דער רעדע.

די רעדע פון פּולקאָווניק סלאַוועק אויפ'ן צוזאַמענפאָהר פון „בע בע" אין לאָדז האָט געפונען הילכיגען אָפּקלאַנג אין דער פּוילישער עפענטליכער מיינונג און אין דער פּרעסע. דער נעלטונער „ראַבאָטניק" שרייבט: „די רעדע פון פּולק. סלאַוועק איז שוין אַריבערגעגאַנ-גען געוויסע גרענעצען, וועלכע מען האָט ביז-אַצט זיך בעמיהט אָפּצוהיטען. אוי-בערעס מאָקו וועט אונזער ענטפער אויך זיין קלאָר און אָפען פאָרמולירט.

„ה' סלאַוועק זאָגט אָן, אַז „מ'וועט צוברעכען די ביינער" די דעפּוטאַטען, וואָס וועלען וואַגען זיך ענטגעגענצושטעל-לען דעם קאָנסטיטוציע-פּראָיעקט פון „בע בע". מיר ערקלעהרען דעריבער מיט דער פולער רוהיגקייט, אַז אויב די „דראָהונג" פון ה' סלאַוועק וועט באמת ווערען ווען עס איז און בײַ וואָסע רע בעדינגונגען עס זאָל נישט זיין איינ-געפיהרט אין לעבען — וועלען מיר אין אַזאַ פאַל אויך קענען מאַכען מיט די פיהרער פון „בע בע" גענוי און פּינקט-ליך דאָס אייגענע, מיט וואָס זיי בעדרויען „סטראַשען" אונזערע פאַרשטע-הער".

„ה' סלאַוועק וויל גיכער „ברעכען די ביינער" איין דעפּוטאַט, איידער אַרויס-פיהרען אין גאַס מאַשין-געוועהר; און מיר ווילען אויך בעסער צוצוטרייבען אין אַלע רוחות די „מאָראַלישע סאַנאַ-ציע", איידער אַרויסצופיהרען אין גאַס די אַרבייטער-מאַסען".

„אויב „בע בע" וויל „ברעכען ביי-נער" — טאַ וועלען קנאַקען ביינער, — מיר וועלען נאָר זעהן — וועמענס?"

די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" פערבינדעט פּולק. סלאַוועק'ס רעדע מיט'ן בעזוך פון די פאַרשטעהער פון סאָציאַליסטי-שען אינטערנאַציאָנאַל. די צייטונג חשבו'נט זיך אָפּ אין איינוועגס מיט פּ. פּ. ס., וועלכע „האָבען נאָך פאַר פּולק. סלאַוועק'ס רעדע איינגעפיהרט די מע-טאָדע פון „ברעכען ביינער" אין יאָהר 1923, ווען זיי האָבען אַרויסגעפיהרט די אַרבייטער אויף די גאַסען פון קראַ-קאָ, טאַרנאָוו און באָריסלאַוו צו צוברע-כען די ביינער די רעגירונג, וועלכע האָט זיך געשטיצט אויף אַ פּאַרלאַמענטאַרי-שער מעהרהייט".

בנוגע פּולק. סלאַוועק'ס רעדע זאָגט די „גאַז. וואַרשאַווסקאַ":

„מיט דער ערקלעהרונג פון ה' סלאַ-וועק איז נישט כדאי זיך נעהנטער צו פערנעהמען. דאָס איז נישט נאָר נאָך איין בעווייז פון באַנקראָט פון סאַנאַציע-לאַגער, נאָר דאָס בעווייזט, אַז די פיה-רער פון דאָזיגען לאַגער האָבען שוין פּאָלשטענדיג פערלוירען די קעפּ. דאָס איז שוין ערגער, ווי אין מעקסיקאָ. אין דאָך איז די ערקלעהרונג פון ה' סלאַוועק נייטיג געווען, און אפילו נוצליך, הגם אין אַ פערקעהרטער ריכטונג, ווי עס מיינט ה' סלאַוועק.

די סאַנאַציע-פּרעסע פערשווייגט אינגאַנצען די רעדע פון פּולק. סלאַוועק. זי האָט אפילו זי נישט פערעפענטליכט.

נעכטיגע רינג-קאַמפען אין צירק

די נעכטיגע רינג-קאַמפען אין צירק האָט די ליידענשאַפטליכע וואָלקס-ליב-האָבער נישט בעפרידיגט. די סבה פון די אומצופרידענהייט איז בעשטאַנען דע-רין, וואָס די ליבלינגע זענען נישט אַרויס קיין זיגער. דער קאַמף פּאַשאַף-ברילאַ, און שטעקער-קאַרנאַץ האָבען זיך געענ-דיגט מיט „רעמי". ביידע קאַמפען זענען געפיהרט געוואָרען מיט פערביטערונג, נישט נאָר די אַטלעטען אליין האָבען געקעמפט, נאָר דאָס פּובליקום האָט מיט-געקעמפט... טיילמאָל האָט דאָס פּובלי-קום מעהר „געקעמפט" ווי די אַטלע-טען... מ'האָט אפילו געזעהען שטעקענס אין דער לופט. געבייזערטע פויסטען, גע-שרייען און ליאַרמען. איז פּאַשאַף גע-ווען פון אויבען, האָט מען געהערט גע-שרייען: בראַוואָ פּאַשאַף! איז ברילאַ געווען פון אויבען, האָבען ווידער אַנ-דערע געפאַטשט: בראַוואָ ברילאַ! דאָס אייגענע האָט זיך איבערגע'חזר'ט בעת דעם קאַמף שטעקער-קאַרנאַץ. די סימ-פּאַטיע איז געווען פאַר דעם ליבלינג שטעקער.

וועניגער אינטערעסאַנט זענען שוין געווען די לעצטע צוויי קאַמפען, קעה-לער-פּעטראָוויטש. דער שווערער רוס פּעטראָוויטש האָט אָוועקגעלעגט דעם דייטש קעהלער דורך אַ דאָפּעלטען נעלסאָן. דער לעצטער קאַמף קראַוש-שטשערבינסקי האָט שוין יאָ אַביסעל גערייצט די געמיטער. אָבער דער סוף איז געווען אַ בעפרידיגענדער: שטשער-בינסקי האָט בעזיגט קראַוש'ן דורך אַ „קאָנטער-פּאַראַדע" (אַריבערגעוואָרפען אי-בער'ן אַקסעל).

הסתדרות צעירי מזרחי קילינסקיעגאָ 40

מאָרגען שבת 7 פריה ווערט געלערנט מסכתת מכות דורך חבר סקוברונסקי 4 נ"מ ווערט געלערנט שמונה פרקים להרמ"בם דורך חבר פיליק 6 אָווענד ווערט געמאַכט אַ הזכרה ווי אויך אַ מסבת עונג שבת געווידמעט די ערשטע יאָהרצייט נאָך שמואל חיים לנדוי ז"ל מיט די בעטייליגונג פון חבר אסט.

זונטאַג 7 אָווענד ווערט איינגעאָרדענט אַ טרויער אַקאַדעמיע נאָך שמואל חיים לאַנדאַו ז"ל מיט די בעטייליגונג פון די חברים סיליק און קאַמינקער.

הועד.

ווען איהר געהט אַריבער די גאַס

קוקט מיט אָפענע אויגען; איהר קענט בלייבען אַן'אייביגער קאַליקע אָדער גאָר געפינען דעם טויט.

היט זיך, מען זאָל אייך נישט איבערפאָהרען.

CASINO

היינט און טעגליך!

ריהרענדע דראַמאַ א ט.

„פאַר'ן שוץ פון דער פרוי"

אין די הויפּט-ראָלען, פול מיט אָפּפערוויליגקייט און העלדענטאַטען

Jackie Coogan

אָרקעסטער אונטער דער לייטונג פון ל. קאַנטאָר.

אָנהויב 4.30 נאָכמ.

שיפען מיט עראָפּלאַנען צוזאַמען



אַ ריזיגע אַמעריקאַנער טוריסטען-שיפען בעזיצען אויף דער דעק עראָפּלאַנען, אויף וועלכע די פּאַסאַזשירען מאַכען לופט-אויספלוגען איבער די אינטערעסאַנטע געגענדען פון דער יבשה.

די, וואָס זענען ניט אַריבערגע-פלויגען, דעם „אַטלאַנטיק"

אין דער זעלבער צייט, וואָס דער פראַנצוי-זישער „געלער פויגעל" איז אַריבערגעפלוי-גען דעם אַטלאַנטיק, האָבען אויך אונטערגע-נומען אַ פליה פון איראָפּא קיין אַמעריקאַ, צוויי שוועדישע פליהער, אָבער צוליב אַ דע-פעקט אין מאָטאָר זענען זיי געווען גע-צוואונגען זיך אַראָפּצולאָזען אויף דער אינ-זעל איסלאַנד.

GERSHOM BADER
4011 Sea Gate Ave., Brooklyn
N. Y. U. S. A.

קריסט ווארפט זיך מיט א האק אויף זיין יודישן שכן און דער'הרג'עט אים אויפ'ן ארט

אנטיסעמיטישער מארד אין טאמאשאוו

טאמאשאוו, (טעל. פון אונזער קארעספאנדענט). אויף פיעקארסקא 6 וואוינען צוזאמען אנדזשעי א קריסט און נאצי בומשינסקי. ב. איז בעקאנט אין דער גאנצער געגענד פאר אן'אוואנטוריסט. רייסט זיך ארום און שלאגט אפט די יודישע שכנים, די יודען און דער געגענד האבען פון אים אויסצושטיין צרות. היינט, דאנערשטאג נאכמיטאג, האט בומשינסקי בעמערקט אויפ'ן הויף דעם יודישען שכן ברוך הימעלפארב געהען צו דעם פלומפ און געמאכט אן'אוואנטורע, זידלענדיג די יודען און געשטערט צו נעמען וואסער. דער בעפאלענער הימעלפארב האט דערביי דעם קריסט אויפמערקזאם געמאכט, אז די יודישע שכנים וועלען צוליב זיינע אפטע אנפאלען זיך בעמיהען ביים ווירט ער זאל אויף אים ארויסבעקומען אן'עקסמיסיע. בומשינסקי איז א צערייצטער ארייך צו זיך אין דער וואוינונג און שפעטער מיט בעם זיך געווארפען מיט א האק אויף די יודישע שכנים. טרעפענדיג הימעלפארב'ן טראגן א וויאדרע וואסער האט ער אוהם מיט דער האק דערלאנגט עטליכע שטארקע קלעפ מיט דער האק איבער'ן קאפ. הימעלפארב איז אנידערגעפאלען אויף דר'ערד בעגאסענדיג זיך מיט בלוט. אין א גוססדיגען צושטאנד האט מען הימעלפארב'ן אפגעפיהרט אין שפיטאל, וואו ער איז אין א קורצע צייט ארום געשטארבען. דער בוליגאן איז ארעסטירט. (§)

קרוב 5000 ראדיא-אפאראטן אין לאדז.

(§) לויט א סטאטיסטיק זענען אין לאדז פערהאן 4,730 ראדיא-אפאראטען.

די לאדזער האנדעלס-קאמער

שויך פערטיילט די ארבייט צווישען די קאמיסיעס.

(ג) מיטוואך איז אין אייגענעם לאקאל פון דער האנדעלס-קאמער פארגעקומען א זיצונג פון דער מאנדאטען קאמיסיע, וועלכע האט געהאט דעם צוועק צו בעשטימען די מנאדאטען פאר די בעזונדערע קאמיסיעס ביי דער „קאמער". די זיצונג האט געפיהרט וויצע-פרעזעס ה' בארטשינסקי, וועלכער האט אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט צו פערטיילען די בעזונדערע ארבייטס-געביטען פון דער „קאמער". די פראגע האט ארויסגערופען א לעבהאפטע דיסקוסיע. אין רעזולטאט זענען אויסגעוועהלט געווארען 5 שטענדיגע קאמיסיעס.

אין דער קאמיסיע פאר ווירטשאפט און עקספארט-פאליטיק זענען אריין די ה"ה מארצעלי בארטשינסקי, ב. אייטינגאן, ק. ענדער, ד. פוקס, אינזש. גראס, מ. הארפערן, י. הערץ, אינזש. ע. הירשבערג, וו. הארארינסקי, וו. קרויזע, י. לעווענשטיין, י. ליבראך און י. ראזען.

אין דער קאמיסיע פאר פינאנץ-קרעדיט און פערזיכערונגס-פראגען זענען אריין די ה"ה: ב. איטינגאן, אינזש. גרשון פראשקער, לייבוש ראזענבערג, פ. פייפעלס, ק. שייבלער, דיר. טעמפעלהאף.

אין דער אדמיניסטראטיוו - יורידישער קאמיסיע: ד"ר בערנעס, פ. באר, ע. אייזערט, י. קאהן, ל. קאראל, אינזש. לאנדסבערג, ל. מאזור, סטאבלעווסקי, — סאבאלעווסקי, ד"ר שמעון ווישעוויאנסקי.

אין דער בילדונגס-קאמיסיע זענען אריין די ה"ה: ד"ר בערנעס, ז. פורלער, פראנקוס, מ. הערץ, אינזש. הורשבערג, אינזש. ג. פראשקער, אינזש. טראיאנאווסקי.

די אויסגעוועהלטע קאמיסיעס האבען שוין אנגעהויבען זייער טעטיגקייט.

אין דער שטייער - קאמיסיע זענען געוועהלט די ה"ה: ד"ר מ. בארטשינסקי, [illegible] בערנער (ראדאמסק), ר. בויבערגאל, ד"ר ב. בורערמאן, ד"ר י. בערנעס, ר. פראנקוס, ב. גלוקסמאן, ל. האוס, י. קאהן, א. ליפשינסקי, אדאם ליפשינסקי, ל. מאזור, ל. מאקרסקי, ק. ראשאק און ג. וואלמאן.

פון די קינאס

[„קאסינא"] אין קינא טעאטער „קאסינא" ווערט איצט געגעבען זשאק קאגענס גרויסארטיגער פילם א. ג. „פאר דער פערטיידיגונג פון א פרוי" (אין שוץ פון א פרוי).

דאס בילד בעזיצט זעהר א רייכען אינהאלט, איז זעהר א שעהנס און געלונגענס, בעזיצט פיהל שעהנע סצענעס און אויסשטאטונג. זשאק קאגען, וועלכער שפילט די הויפט-ראלע, שפילט אויסערגעוועהנליך גוט. די מוזיק איז צום בילד זעהר גוט צוגעפאסט. אויסער דעם ווערט נאך געגעבען א שעגער נאכפראגראם.

[„לונא"] אין קינא „לונא" ווערט איצט געגעבען דאס שעהנע דאפעל-פראגראם, וועלכעס בעשטעהט פון 2 ערשטקלאסיגע בולדער: „זשאנעט גאינאר זוכט א שטעל" אין 10 אקטען, ווי די יונגע שוישפילערין האט די מעגליכקייט זיך ארויסצוווייזען אין א אנדערע ראלע ווי שטענדיג און פיהלט זיך אין דער ראלע זעהר גוט. דאס צווייטע בולד „די ליבע פון א בעדואינער", א מזרח דראמא אין 8 אקטען, בעזיצט וואונדערפולע נאטור אויפנאהמעס, פון קאמפען אין מדבר צווישען 2 שונא'ישע לאגערן, נעמט שטארק אוים ביי די צושויער.

עס מוז אויך בעמערקט ווערען, אז די פרייזען זענען ערמעסיגט געווארען, נים קוקענדיג אבער דערויף, וועט די דירעקציע אויך ווייטער געבען ערשטקלאסיגע בולדער ווי ביז איצט. אלס בעווייז וועט אויך דינגען דאס קומענדיגע בולד, „די לובעס פאנפארען" מעכטיגע דראמא מיט מערי פילבין און ליאנעל בערימאר אין די הויפט-ראלען. די בולנערע פרייזען זענען נאר א דאנק דעם, וואס דאס לאדזער מאגיסטראט האט אויף די זומער חדשים פערקלענערט דעם פילם שטייער.

[„גראנד-קינא"] אין „גראנד קינא" ווערט געגעבען דער פילם „די זעקסטע מכה פון דער וועלט" (א האלב-צייטס-רייזע צוזאמען מיט דער שוויגער). דאס בולד איז א קאמעדיע אין 10 אקטען, און בעזיצט פיל זעהר שעהנע סצענעס, ווי צ. ב. אויף די כוואליעס פון אצעאן און אנדערע. אין דער הויפט-ראלע שפילט דער בערימטער קאמיקער מאנטי באנקס. אלס נאכפראגראם ווערט געגעבען א פארס „א מוטעל אויף לאקאמארען".

[„קאפיטאל"] אין „קאפיטאל" געהט איצט די גרויסע עראטישע לעבענס-דראמא, א. ג. „דער קארנאוואל קעניג". דאס בולד איז א אויסערגעוועהנליך שעהנס, האט זעהר א גוטען אינהאלט, און איז זעהר א קאסטבארער פילם.

גאנץ ארגינעל איז אויך דער קארנאוואל אין ניצשע, ווי אויך די צויבערנידע אויסשטאטונג. די הויפט-ראלען פיהרען אוים די שוישפילערינס עלגא ברינק, רענע העריבעל און גאבריעל גאבריא.

אויסערדעם ווערט נאך געגעבען א נאכפראגראם.

צום בעזוך פון עגיפטישען קעניג אין בערלין

דער 9-יעהריגער זיהן פון קעניג פאוד, פארוקא בעקומט א האנד-קוש פון איינעם פון די מיניסטערען. דאס איז אנ'אלטער, פערהייליגטער מנהג פון דעם עגיפטישען לאנד

סכסוך ביי „קרושע און ענדער" נאכנישט ליקווידירט.

(§) דער סכסוך אין „קרושע און ענדער'ס" פאבריק אין פאביאניץ איז נאך נישט ליקווידירט. די ארבייטער האלטען זיך נאך ביי דאס זייעריגע, אז ווי לאנג די אדמיניסטראציע וועט נישט צולאזען צו דער ארבייט דעם בעזייטיגטען ארבייטער רוטקאווסקי, וועלען זיי שטרייקען. קרייז - ארבייטס - אינספעקטאר וואיטקעוויטש האט שוין געפועלט ביי דער פאבריקס-פערוואלטונג, זי זאל אונטערהאנדלען מיט אן'ארבייטער-דעלעגאציע.

געפונען א דערטרינקענעם לאדזער יונגערמאן אין ים אין דאנציג

פון דאנציג טעלעגראפירט מען אונז: דא האט מען געפונען א דערטרונקענעם אין ים, דעם לאדזער איינוואוינער לעאן קאליש געבוירען אין יאהר 1900. די טויטע קערפער האט מען געפונען נעבען דער פלאזשע. צו ער איז דערטרונקען געווארען צו ער איז בעגאנגען זעלבסטמארד איז נאך נישט בעוואוסט.

נייער אייזענבאהן-פאהרפלאן

גילטיג פון 15. מאי 1929

לאדזשער פאבריק-באהן

פון לאדז

2.00	קיין ווארשע	
4.45	„ „	(שנעלצוג)
6.40	„ קאליש	(אנשלוס מיט ווארש שנעלצוג)
7.45	„ ווארשע	(שנעלצוג)
8.30	„ קאליש	(זונטאג און תענות)
10.05	„ „	
10.50	„ „	
12.05	„ „	(אנשלוס מיט ווארשא שנעלצוג)
14.20	„ ווארשע	
14.40	„ קאליש	
15.40	„ „	
16.15	„ גאלקעווע	
16.35	„ ווארשע	
17.35	„ קאליש	
18.30	„ „	(אנשלוס מיט ווארשע שנעלצוג)
19.05	„ ווארשע	
19.35	„ קאליש	
20.31	„ „	
21.05	„ ווארשע	
21.40	„ קאליש	
23.15	„ ווארשע	

קיין לאדז

1.[illegible]	פון ווארשע	
5.05	„ „	
6.52	„ קאליש	
7.[illegible]	„ „	
7.50	„ „	
8.42	„ „	
9.08	„ אנדזשעיעוו	(מאנטאג און נאך יום-טוב-טעג)
9.45	„ קאליש	
11.12	„ ווארשע	
12.17	„ קאליש	
14.07	„ ווארשע	
16.04	„ קאליש	
16.25	„ ווארשע	
17.47	„ ווארשע	
19.25	„ גאלקעווע	
20.28	„ ווארשע	
20.42	„ „	(שנעלצוג)
21.17	„ קאליש	([illegible] און תענות)
22.12	„ „	(זונטאג און תענות)
22.52	„ ווארשע	

קאלישער באהן

פון לאדז

0.20	קיין קוטנא	(אנשלוס מיט דאנציג און גדיניע)
2.05	„ פויזען	
3.02	„ ווארשע	
6.37	„ „	(שנעלצוג)
7.30	„ „	
7.50	„ פויזען	
8.55	„ קאליש	
9.33	„ קוטנא	
10.15	„ זבאנשין	
12.40	„ קוטנא	
12.50	„ פויזען	
13.20	„ ווארשע	
13.39	„ „	
15.15	„ קוטנא	
15.25	„ פויזען און זבאנשין	
15.50	„ קוטנא און פויזען	
16.41	„ לאוויטש	
19.30	„ אסטראווא	
20.12	„ לעמבערג און סקאושיסקא	
20.35	„ אלעקסאנדראווא, דאנציג און גדיניע	
21.55	„ פויזען און זבאנשין	
22.15	„ קאטאוויץ און קראקא	
23.05	„ זבאנשין	(שנעלצוג)

קיין לאדז

1.50	פון ווארשע	
2.46	„ אסטראווא	
6.28	„ פויזען און זבאנשין	(שנעלצוג)
7.12	„ פויזען און זבאנשין	
7.14	„ קאטאוויץ און קראקא	
7.28	„ קוטנא	
8.05	„ גדיניע, דאנציג איבער קוטנא	
8.45	„ אסטראווא	
9.26	„ לעמבערג	(איבער סקאושיסקא)
10.06	„ ווארשא	(שנעלצוג)
12.34	„ „	
13.15	„ פויזען	
13.25	„ פויזען און זבאנשין	
18.28	„ פויזען	
18.50	„ קאליש	
19.16	„ לאוויטש	
19.45	„ פויזען	(שנעלצוג)
20.02	„ דאנציג, גדיניע און קוטנא	
21.40	„ ווארשא	
22.01	„ אלעקסאנדראווא	
22.58	„ ווארשא	(שנעלצוג)
23.15	„ פויזען	

ווארנונג!

דעם 20/6, 9.20 אין אוונט איז ביים זגיערזשער טראמוויי ארויסגע-גנב'עט געווארען **א פארטפעל וועקסלען** אויף דער סומע פון צירקא—12.000 זשירירט פון מיר, איך ווארן די וועקסלען נישט אבצוקויפען נישט דיסקאנטירען און נישט געבען קיין סחורה פאר זיי. מיין זשירא אויף די וועקסלען ערקלער איך פאר אונגילטיג, דער בעזיצער פון די וועקסלען וועט צוגעצויגען ווערן צו פאליציי'אישע פעראנטווארטליכקייט.

יוסף הערש שפירא, זגערזש
דאמבראווסקא 5.

אבצוגעבען געגען הויכע בעלוינונג אויפ'ן אויבענדערמאנטען אדרעס.

Dr. med. H. Gutsztadt

ספעציאל-ארצט פאר אקושער און פרויען-קראנקהייט.
Zachodnia 62 (Cegieln. 23) telef. 29-52
נעמט אן פון 8 ביז 10 און פון 5 ביז 7 אוונט.

אנאנסען אין „לאדזער טאגעבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג

[illegible]

א זיכערע עגזיסטענץ

א גוט איינגעפיהרט געשעפט וויין - האנדעל און שנאפס אויך קאלאניאל-ווארען אין גוטען פונקט פון דער שטאט (די שנאפס-קאנצעסיע איז א יודישע) איז וועגען פריוואטע אנגעלעגענהייטען פרייזווירדיג צו פערקויפען. אפערטען אין אדמיניסטראציע פון „ל. ט." אונטער J B 2994

בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט די ג' געסט דאס מיין לאנגיעריגער פענסיאנאט

„ראזאליא"

וועלכער געפינט זיך אין דער שענסטער און בעסטער געגענד פון קאמינסק אין א גרויסען סאסנאווע וואלד, נישט ווייט פון דער סטאציע און איז איינגעארדענט לויט די נייעסטע פערלאנגען פון היגיענע און קאמפארט, גרויסע, זוניגע צימער מיט באדע-צימערן און אלע בעקוועמליכקייטען, ראדיא, שנעלע און העפליכע בעדינונג. שמאקהאפט און זארגפעליגע שפייזען. מעסיגע פרייזען, ווער עס וויל אלזא זיין צופרידען און אין אמת'ן זיך גוט ערהאלען. זאל זיך ווענדען נאר אין פענסיאנאט ראזאליא, וועלכער איז געעפענט געווארען אין 15-טען מאי.
מיט אכטונג פ. זנאמיראווסקי

Bjuro Prośb i Porad

„REMINGTON"
44 Kilińskiego 44

ערלעדיגט אלעארט רעקורסען, ביטעס א.ד.ג. פיר ערלעדיגען אויך אלע געריכטס-ענינים דורך אייגענע אדוואקאטען, קליוזולעס און זאבעזפיעטשעניעס שנעל און ביליג. יורידישע עצות פון אדוואקאטען אומזיסט, קארעספאנדענץ אין 5 שפראכען.

דאנקזאגונג!

איך דריק אויס דעם בעסטען דאנק דעם ה' משה טאראדייקא מיט זיין פרוי רבקה פון שוו. יאקובא 7, פאר זייער נוטע בעהאנדלונג ביי מיין טאכטער'ס חתונה, זאלען יודען מאכען שמחות און זיי נעהמען אלס קוכארזשעס אדער אלס טארטען-פוצערס.
מיט אכטונג
יצחק טאראנטשיק
נאוואמיעסקא 22.

א לערן-יונגעל אין א סוויטער-פאבריק ווערט פון זאפארט געזוכט לעשנא 1 אין דער פאבריק.

א שילער פון 4 קורס פון ווארשאווער מלוכה-סעמינאריום פאר לעהרער ערטיילט לעקציעס פון אלגעמיינע און יודאאיסטישע למודים אין די צייט פון פעריע. אפערטען אונטער „K.K.Sz." 2989

אויף נאוואמיעסקא אפצוגעבען

א גרויס צימער

פאר אויבערלאקען. צו ערפאהרען וואלבארסקא 31 ביי קאמאכער. בעזונדערס פאר יונגעלייט צו לאזשירען. 3015

ס'ווערען געזוכט

קוואליפיצירטע אין דער טריקא-וועש-בראנזשע נייערינס און אויספערט-נערינס, ביי שלאמקאוויטש ציגעל-גאס 47, רעכטע אפיצינע 2, שטאק.

א קוואליפיצירטע קעכין ווערט געזוכט

אין דער קיך פון הילפס-פעראיין „תומכי אורחים" זיך צו מעלדען אין סעקרעטאריאט פאמארסקא 18 פון 7 ביז 9 אוונט.

LUNA היינט און ווייטערע טעג!
I) „זשענעט גיינאר זוכט א פאסטע"
פרעכטיגער דאפעלטער פראגראם — הומאר און געלעכטער
אנ'אריס מעדעל אין ניו-יארק.
Janet Gaynor
אין די הויפט-ראלן:
II) גרויסער צויבער פילם „ליבע פון א בעדואינער"
א לוסטיגע געשיכטע וועגען א קאריערע פון
הויפט-ראלן: Dorothy Janis, Ben Bart
אנהויב 5 נאכמיטאג — פרייזען ערמעסיגט.

לאָדזער טאַגעבלאַט

ד"ר רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָווענד.
נישט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אַדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16 Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

די פּאָליטיק פון דער וואָך

די פּאָליטישע וועלט איז היינטיגע וואָך געשטאַנען אונטער'ן צייכען פון צוויי סענסאַציעס, פון צוויי באָמבעס, וואָס האָבען געווירקט ווי אַ דונער. די ערשטע באָמבע איז געקומען פון ענגלאַנד. דער „סאַנדיי טיימס" האָט אָפּגעדרוקט אַנ'אַרטיקעל פון מאַקדאָנאַלד'ן, וואָס האָט אויפגעהויבען אַ געוואַלדיגען שטורעם אין אַ ריהע לענדער.

וואָלט דאָס אַרטיקעל פערעפענטליכט געוואָרען מיט אַ חודש צוריק, איידער די לייבאָר-פּאַרטיי האָט אָפּגעהאַלטען איהר גרויסען וואַהל-נצחון און איבערגענומען די מאַכט, וואָלט מען עס נישט געשענקט קיין איבעריג גרויסע אויפמערקזאַמקייט. איצט אָבער איז גאָר עפּעס אַנדערש. מאַקדאָנאַלד איז איצט פּרעמיער פון גרויס-בריטאַניען און ווען ער זאָגט עפּעס אַ מיינונג, ווייס מען, אַז דאָס וועט ברענגען צו פּאָליטישע קאָנסעקווענצען. אַז דאָס וועט זיין די ליניע פון דער נייער ענגלישער רעגירונג. אין דערפאַר מאַכט, ווייל די גאַנצע פּאָליטישע וועלט קוקט איצט מיט אַזאַ שפּאַנונג אויף יעדען וואָרט, וואָס קומט מצד די נייע מושלים אין ענגלאַנד האָט מאַקדאָנאַלד'ס אַרטיקעל אָנגעמאַכט אַזאַ רעש.

צי האָט אָבער מאַקדאָנאַלד באמת געזאָגט אַזעלכע שרעקליכעס, רעוואָלוציאָנערעס, וואָס זאָל גורם זיין אַזש צו בעלייִגען פּראָטעסט-נאָטעס, ווי אַ טייל צייטונגען פון פערשיעדענע לענדער פערלאַנגען?

מאַקדאָנאַלד איז אַ הייסער אַנהענגער פון שלום. ער וויל פאַר יעדען פּרייז דערהאַלטען און פערשטאַרקען דעם שלום. צו דעם ציל געהט ער מיט פערשיעדענע וועגען. ער וויל בעזייטיגען אַלע מניעות, אַלע דערגער און שטרויכלונגען, וואָס שטעהן אויפ'ן וועג פון דאָזיגען ערהאַבענעם ציל. די ערשטע שריט אויף דעם געביט זענען צו בעזייטיגען די ים-בעוואָפענונגען און די בעוואָפענונגען בכלל. צו דעם צוועק האָט ער שוין אָפּגעהאַלטען צוויי קאָנפערענצען מיט אַמעריקאַנישען אַמבאַסאַדאָר אין ענגלאַנד. ווייטער וויל ער געבען אַ נייע ליניע דעם פעלקער-בונד, וועלכער זאָל ווערען די אינסטיטוציע, וואָס זאָל נישט נאָר אָפּשאַצען און מאַכן ליקווידירען אַלע אַנטאַגאָניזמען אין צווישען מלוכה'שע כבודים, נאָר ער זאָל מאַכן אויך זיך נעמען די איניציאַטיווע צו ברענגען צו אַ פעלקער-דערנעהנטערונג, פעלקער - פערברידערונג.

מאַקדאָנאַלד זעהט אָבער, אַז עס איז פאַרהאַן איין פּראָבלעם, אַ גאָר וויכטיגע פּראָבלעם, וואָס וועט תמיד הענגען ווי אַ שווערע באָמבע איבער אייראָפּא, און נישט דערלאָזען צו אַ פולער דערנעהנטערונג פון די פעלקער. דאָס איז דאָס מינדערהייטס-פּראָבלעם. כדי דאָס דאָזיגע פּראָבלעם ווי עס איז צו מילדערן, האַלט מאַקדאָנאַלד פאַר נויטווענדיג, אַז די מינדערהייטס-פּראָצעדור ביים פעלקער-בונד דאַרף לחלוטין געענדערט ווערען, פּונקט אַזוי ווי די גאַנצע טעטיגקייט פון דער אינסטיטוציע דאַרף פון איצט אָן געהן אויף נייע דרכים. נאַטירליך וועט מען ענדערן די פּראָצעדור ביים דערלאַנגען פּעטיציעס פון די בעעולה'טע מינדערהייטען נישט געלעזט ווערען דאָס דאָזיגע שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. אָבער דאָס קען גורם זיין, אַז די מלוכות זאָלען אַנהויבען צו פיהרען בעסער אַן אַנדער פּאָליטיק לגבי די מינדערהייטען.

צופעליג פאַלט זיך צונויף מאַקדאָנאַלד'ס מיינונג וועגען דער מינדערהייטען-פראַגע מיט דער מיינונג פון שטרעזעמאַן. אָבער די כוונות פון די גרויסע מלוכה-מענער זענען גאַנץ אַנדערע. אַז מ'זאָגט דאָס איינציגע, הייסט נאָך נישט, אַז מ'מיינט דאָס איינציגע. אַז מ'בעצוועקט די זעלבע צילען, שטרעזעמאַנ'ס אַנגעהמען זיך פאַר די מינדערהייטען געהט נישט אַרויס אויס הומאַניטאַרע כוונות. ער מיינט נישט אַזוי די טובה פון די מינדערהייטען ווי צו שלאָגען דערפון פּאָליטיש קאַפּיטאַל געגען אַנדערע מלוכות, און בעזונדערס טאַקע געגען פּוילען.

מאַקדאָנאַלד אָבער מיינט דערמיט אויסשליסליך די טובה פון שלום, וועלכער קען נאָר דאַן זיין געזיכערט, ווען די שאַרפקייט פון דעם מינדערהייטס-פּראָבלעם וועט וועניגסטענס אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשוואַכט ווערען.

דער אַליאַרם פון דער פראַנצויזישער, איטאַליענישער און טיילווייז אויך פּוילישער פּרעסע, אַז מאַקדאָנאַלד'ס אַרטיקעל בעווייזט, אַז ער איז דערמיט אויסען די טובה פון דייטשלאַנד, איז לחלוטין אומבעגרינדעט. פּונקט אַזוי אָבער איז אומבעגרינדעט דאָס טרייסטען זיך, אַז מאַקדאָנאַלד האָט דאָס אַרטיקעל אָנגעשריבען מיט צוויי חדשים צוריק, און היינט, זייענדיג פּרעמיער, וועט ער ניט פיהרען זיין פּאָליטיק לטובת די מינדערהייטען אין דער פאָרם, ווי ער זאָגט זיך אַרויס אין „סאַנדיי טיימס". מעגליך, אַז היינט וואָלט ער אַזאַ אַרטיקעל נישט אָנגעשריבען, אָבער זיין מיינונג וועגען מינדערהייטס-פּראָבלעם האָט ער זיכער נישט געענדערט ווערענדיג פּרעמיער. מ'קען דערווייל ערוואַרטען, אַז די פּאָליטיק פון דער נייער ענגלישער רעגירונג וועט אין דער פראַגע פון די מינדערהייטען געהן אויף גאַנץ אַנדערע דרכים, ווי עס איז געגאַנגען טשעמבערלען. זיכער אָבער וועט ער אויסמיידען אַזוי שטעלען דאָס פּראָבלעם אין אַזאַ פאָרם, אַז עס זאָל קענען געשטעלט ווערען אויף דער טאָגעסאָרדנונג די פראַגע וועגען דער רעוויזיע פון די איצטיגע גרענעצען, און אַז די רעוואַנזש-אַפּעטיטען ביי די דייטשע נאַציאָנאַליסטען זאָלען דורכדעם זיך פונאַנדערפלאַקערן. ער וויל בעזייטיגען דאָס פּולווער-מאַטעריאַל, די מלחמה-סכנות אין אייראָפּאַ, און נישט נאָך פערגרעסערן זיי. דער אַליאַרם איבער'ן אַרטיקעל פון מאַקדאָנאַלד'ן איז דעריבער געווען אומזיסט.

דערפאַר אָבער איז ביז גאָר סענסאַציאָנעל די ערקלערונג פון בריאַנ'ען, אַז עס עקזיסטירען בעזונדערע נעהנטערע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס מיט גרויסע מיליטער-סקלאַדען, און אַז דער עסטרייכישער גענעראַל-שטאַב אַרבייט אין אַנ'ענגען קאָנטאַקט מיט'ן דייטשען שטאַב. אויב דאָס וועט זיך אַרויסווייזען פאַר אמת, דאַן וועלען די פּאַציפיסטישע רעדעס פון דייטשלאַנד בעקומען נאָר אַן אַנדער זין, דאַן וועלען די פּאַראָליזאַגונגען, אַז די דייטשען גרייטען זיך צו אַ רעוואַנזש מלחמה אין אַ גרויסער מאָס זיך בעשטעטיגען.

דאָס קען פיהרען צו גאָר ווייטגעהענדע קאָנסעקווענצען. די פראַגע וועגען עוואַקואירען די רהיין-געביטען וואָלט דאַן ווידער געבליבען אויפ'ן שטעהן אויף אַ טויטען-פּונקט און די רעפּאַראַציע-פראַגע, הגם זי איז דורך דער זאַכקענער קאָנפערענץ שוין געלעזט געוואָרען, וואָלט דורך פראַנקרייך נישט בעשטעטיגט געוואָרען אָהן בעדייטענדע ענדערונגען און אָהן געוויסע גאַראַנטיעס. און אפשר איז טאַקע בריאַן אויסען געווען מיט זיין ברוף אויסצופועל'ן ביי די דייטשען בעסערע בעדינגונגען. און צו ווירקען אויף מאַקדאָנאַלד'ן, אַז ער זאָל נישט אַזוי צואייל'ן זיך מיט דער עוואַקואַציע פון די רהיין-געביטען?

בריאַנ'ס ברוף איז אַלענפאַלס אַ גאָר ווירקזאַמע רעוואָלוציע, ער קען מהפך זיין את הקערה על פיה, און נאָכמעהר בעשווערען מאַקדאָנאַלד'ן אין זיין אַנגעהויבענעם ווערק צו פערפעסטיגען דעם וועלט-שלום.

בן משה.

אַ יודישע פרוי פון פילאַדעלפיע

בוים אַ געביידע פאַר דער ישיבה אין פּאַניעוויעזש,

ניו-יאָרק. — אַ גרויסע סענסאַציע האָט אַרויסגערופען דער פאַל מיט דער בעקאַנטער יודישער פילאַנטראָפּין דזשעני מילער פיינגן אין פילאַדעלפיא. ביי דער אַקציע, וואָס ווערט איצט געפיהרט לטובת דער פּאַניעוועזשער ישיבה, האָט פרוי דזשעני מילער פיינגן אין דער אָנוועזענהייט פון איהר מאַן נאָטאַן פיינגן, געגעבען אַ גרויסע נדבה פאַר דער ישיבה אין דער פאָרם פון אַ גרויסען בנין, וואָס זי וועט אויף איהר אייגענע קאָסטען אויסבויען. לויט דעם פּלאַן וועט די געביידע האָבען פּלאַץ פאַר איבער צוויי הונדערט בחורים צו לערנען, אַ ביבליאָטעק-צימער און צוויי בעזונדערע זאַלען פאַר די ראשי הישיבה, וואו זיי וועלען האַלטען זייערע פאָרטראָגען איבער תלמוד א.א.וו.

די פרוי מילער פיינגן איז אין פילאַדעלפיא און אין פיל אַנדערע ערטער בערוהמט מיט איהר פילאַנטראָפּישער טעטיגקייט. זי גיט פאַר אַלע פערדינסטפולע צוועקען מיט דער ברייטער האַנד, אָבער בעזונדערס אינטערעסירט זי זיך מיט ישיבות און תורה-אנשטאַלטען. אַזוי האַלט זי אויס אַ סך בחורים אין טעלז, וועלכע לערנען אין דער דאָרטיגער ישיבה און שטיצט אויך אַנדערע ישיבות און תלמוד-תורה'ס. דער בנין, וואָס זי האָט איצט מנדב געווען פאַר דער פּאַניעוועזשער ישיבה וועט זיך אַנהויבען בויען נאָך היינטיגען זומער.

* * *

די פּאַניעוועזשער ישיבה איז געגרינדעט געוואָרען אין 1907 פון די יורשים פון דער בעוואוסטער פּאַמיליע ווסאַצקי און איז פון זיי אויסגעהאַלטען געוואָרען ביז 1917, די צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זינט דאַן ווערט די ישיבה געשטיצט פון דזשאָינט און פון יחידים, וואָס נעמען אַ שטאַרקען אינטערעס אין דער דאָזיגער תורה-אנשטאַלט. אַזוי האָט אַן אָרטיגער בעל-הבית, ד. בער רובינשטיין, מיט אַ געוויסער צייט צוריק דאָרט געלאָזט אויסבויען אויף זיין חשבון אַ דריי-שטאָקיגען בנין, פאַר די יונגערע בחורים פון דער ישיבה, וואָס ענטהאַלט חוץ אַ לערן-זאַל, אויך אַ קיך און עס-צימער, וואו די תלמידים ווערען געשפייזט.

לעזט און אַבאָנירט דאָס
„לאָדזער
טאַגעבלאַט"

צי האַלט עס פאַר אַ שלום אין רוסלאַנד

צווישען סטאַלינ'ען מיט דער לינקער אָפּאָזיציע?

מיט די טראָצקיסטען איז מעגליך שלום, אָבער נישט מיט טראָצקי'ן.

(אַ בריף פון מאָסקווע) — פון **ב. סמאָליאַר.**

ווינטלעך פון שלום בלאָזען איצט אין מאָסקווא פון אַ מעגליכען שלום צווישען דער טראָצקיסטישער לינקער אָפּאָזיציע און דער סטאַלין-מעהרהייט.

יעווגעני פּרעאָבראַזשענסקי, איינער פון די אויסגעשלאָסענע טראָצקיסטען, וועמען מען האָט נישט בלויז אַרויסגעוואָרפען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נאָר אויך פערשיקט אין ווייטע מקומות, איז איצט צוריק אין מאָסקווא, און געקומען איז ער אָהער דערפאַר ווייל מען גלויבט איצט אין געוויסע קרייזען, אַז מען קען געפינען אַ וועג אויף וועלכען די אויסגעשלאָסענע לינקע אָפּאָזיציאָנערען זאָלען קענען ווידער צוריק אַריינקומען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פּרעאָבראַזשענסקי איז אַ געוועזענער סעקרעטאַר פון דעם צענטראַלען קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע טעאָרעטיקער פון דער פּאַרטיי ביז צו דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען מען האָט איהם פון דאָרט אויסגעשלאָסען און פערשיקט צוזאַמען מיט די איבעריגע פיהרער פון דער לינקער אָפּאָזיציע. ער איז געווען אַ זייל אין דער אָפּאָזיציע'ס קרייז.

איצט איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז פּרעאָבראַזשענסקי איז אין מאָסקווא און אַז זיין קומען אָהער האָט צו טון מיט אַ מעגליכען שלום.

שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט פּרעאָבראַזשענסקי'ן געלאָזט קומען קיין מאָסקווא, ווייזט, אַז סיי אין סטאַלינ'ס לאַגער און סיי אין דעם לאַגער פון דער אָפּאָזיציע איז מען געניגט צו קומען צו געוויסע פערשטענדיגונגען. די פראַגע איז בלויז, צי וועט מען טאַקע ווירקליך קומען צו אַזעלכע פערשטענדיגונגען, צי וועט מען זיך קענען צונויפרעדען וועגען זיי.

אַז עס איז כמעט ווי קיין סוד נישט, אַז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דאַרף מען איצט האָבען פּרעאָבראַזשענסקי'ן צוריק. איהם און נאָך איינציגע פון די אויסגעשלאָסענע טראָצקיסטען. ביי דער איצטיגער סיטואַציע, ווען עס ווערט אָנגעפיהרט אַ ביטערער קאַמף מיט דעם רעכטען אָפּנייג אין די רייהען פון דער פּאַרטיי גופא, וואָלט פּרעאָבראַזשענסקי'ן און די אַנדערע געקענט גוטע נוצען ברענגען דער פּאַרטיי. פּרעאָבראַזשענסקי איבערהויפּט וואָלט געוועזען זעהר נוצליך, מחמת איצט, ווען בוכאַרין האָט פערלוירען דעם חן צוליב זיינע רעכטע נייגונגען, איז פּרעאָבראַזשענסקי דער אָנגעזעהענסטער טעאָרעטיקער אין די קאָמוניסטישע רייהען.

פון דער צווייטער זייט האָבען זיך אויך איינציגע פון דער לינקער אָפּאָזיציע אַרומגעקוקט, אַז סטאַלינ'ס שטעלונג אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק אין לאַנד איז איצט גאָרנישט אַזאַ שלעכטע דער קאַמף, וואָס סטאַלין פיהרט אַזוי עקשנות'דיג געגען דער רעכטער גרופּע אין דער פּאַרטיי, אויספאַנגירט דער לינקער אָפּאָזיציע, און אַ סך פון דער אָפּאָזיציע זענען מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף סטאַלינ'ען דורכאויס שטיצען אין דעם דאָזיגען קאַמף. אַ סך קערען זיך אַפילו אום אין די רייהען פון דער פּאַרטיי אונטער דעם דאָזיגען אויסרייד.

אָבער איין זאַך איז ווען עס קערען זיך אום צוריק דורכשניטליכע מיטגלידער, און אַ גאַנץ אַנדער זאַך איז, ווען עס דאַרפען זיך אומקערען אַזעלכע „גענעראַלען" ווי פּרעאָבראַזשענסקי אָדער ראַדעק. פּרעאָבראַזשענסקי, ווען ער איז איצט אין מאָסקווא, שטעלט ער אַרויס בעדינגונגען, און די דאָזיגע בעדינגונגען זענען, לויט ווי איך בין רעכט אינפאָרמירט, זעהר דערווייל נים אַזעלכע, אויף וועלכע די הערשענדע גרופּע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זאָל איינגאַנצען וועלען איינגעהן.

וואָס וויל פּרעאָבראַזשענסקי?

קודם כל פערלאַנגט ער, אַז מען זאָל ערלויבען דער לינקער אָפּאָזיציע אָפּצוהאַלטען אַן עפענטליכען צוזאַמענפאָהר. די שטאָט, וואו אַזאַ צוזאַמענפאָהר וואָלט געקענט פאָרקומען א.ז. נאַטירליך מאָסקווא. נים לענינגראַד, און נים אַנדערע צענטראַלע שטעט, וואו עס איז פאַרהאַן גרויסער אַרבייטער-פאָלק. דאָס וויל פּרעאָבראַזשענסקי גאָר נים, אַרט איהם אָבער נים, אַז סטאַלין זאָל אַליין בעשטימען דעם פּלאַץ פאַר דעם דאָזיגען פערלאַנגטען צוזאַמענפאָהר. דער עיקר איז, אַז דער צוזאַמענפאָהר זאָל אַנערקענט ווערען אַלס לעגאַלער און זאָל קענען פאָרקומען עפענטליך, אָהן שום שטערונגען.

דאָס איז בעדינגונג נומער איינס.

דער צווייטער בעדינגונג איז, אַז עס זאָל ליקווידירט ווערען דער אַזוי-גערופענער „איזאָליאַטאָר" אין מאָסקווא.

דער מאָסקאָווסקער „איזאָליאַטאָר" איז דער פּלאַץ, וואו עס ווערען געהאַלטען די פערשיקטע מיטגלידער פון דער לינקער אָפּאָזיציע, די בעדינגונגען דאָרטען זענען גאָרנים אַזעלכע בעקוועמע, דערציילט פּרעאָבראַזשענסקי. דער אָפּשאַפונג פון דעם דאָזיגען איזאָליאַטאָר איז דערפאַר איינע פון די הויפּט-פאָדערונגען.

אויב אויף די איבריגע, קלענערע בעדינגונגען, וואָס פּרעאָבראַזשענסקי שטעלט אַרויס, וואָלט מען נאָך געקענט קומען צו אַ פּשרה, איז אָבער אַ גרויסע פראַגע, צי אַזאַ פּשרה וועט קענען דערגרייכט ווערען איבער דער פראַגע וועגען דער אָפּשאַפונג פון דעם איזאָליאַטאָר", און — דער עיקר — איבער דער פראַגע פון ערלויבען דער לינקער אָפּאָזיציע אָפּצוהאַלטען אַן עפענטליכען צוזאַמענפאָהר. אַזאַ ערלויבניש וואָלט געהייסען, אַז אין פּרינציפּ ווערט איצט די לינקע אָפּאָזיציע אַנערקענט צוריק אַלס אַ טיי-

וועלכע אָרגאַניזאַציע און אַזאַ אַנערקענונג איז פשוט אומעגליך שוין אַפילו צוליב דעם אַליין, וואָס איבער גאַנץ מאָסקווא הענגען איצט אויסגעקלעבט פּלאַקאַטען, וואָס דערציילען מיט גרויסע אותיות, אַז „די טראָצקיסטען זענען איבערגעגאַנגען אין דעם לאַגער פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע".

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַלס אַזעלכע קען איצט נים געהן אין אַ סך עפענטליכען קאָמפּראָמיס מיט דער לינקער אָפּאָזיציע. קליינע איינצעלנע פּשרות אויף אַ שטילען אופן מיט איינצעלנע פיהרער פון דער אָפּאָזיציע זענען אָבער אַ מעגליכע און אַזעלכע פּשרות ווערען יעצט ערוואַרטעט איצט מיט פּרעאָבראַזשענסקי'ן אין מאָסקווא און מיט ראַדעק'ן, וועלכער איז איצט אויף זיין וועג קיין מאָסקווא.

* * *

רעדענדיג, אַז פּרעאָבראַזשענסקי און ראַדעק האַלטען ביי קומען קיין מאָסקווא, האָבען איינציגע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען, אַנ'אַלטער פריינט מיינער, מיר צווישען אַנדערען אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ראַדעק איז איצט אין נ.-נאָווגאָראָד אויפ'ן וועג קיין מאָסקווא, און פּרעאָבראַזשענסקי דאַרף היינט-מאָרגען אָנקומען קיין מאָסקווא.

פּונקט אין יענער צייט איז אין מאָסקווער „פּראַוודאַ" ערשינען אַנ'אַרטיקעל פון גיט קיין קלענערן ווי יאַראָסלאַווסקי'ן, אין וועלכען ס'איז קלאָר און דייטליך געזאָגט געוואָרען, אַז „מיר דאַרפען זיך בעציהען זעהר אויפמערקזאַם צו יענע פון דער לינקער אָפּאָזיציע, וואָס ווילען אַריין צוריק אין דער פּאַרטיי. מיר דאַרפען העלפען די דאָזיגע וואַקלענדיגע און זיי נים אָפּשטויסען בעזונדערס, אויב זיי זענען אַרבייטער, אויב זיי זענען גוטע חברים ווי פריהער, אויב זיי ווילען זיך אויפריכטיג אומקערען אין דער פּאַרטיי אַריין צו פערריכטען זייער טעות און צו העלפען דער פּאַרטיי."

דער דאָזיגער אַרטיקעל פון יאַראָסלאַווסקי'ן צוזאַמען מיט די ידיעות, אַז ראַדעק'ן און פּרעאָבראַזשענסקי'ן האָט מען ערלויבט צו פערלאָזען זייערע וואוין-פּלעצער און קומען קיין מאָסקווא, איז דאָ אויסגעטייטשט געוואָרען אַלס קלאָרער שריט צו געוויסע מעגליכע פּשרות, וואָס קענען פאָרקומען צווישען דער לינקער אָפּאָזיציע און סטאַלינ'ען. מאַכט נים אויס, וואָס לויט דער בעהויפּטונג פון דער אָפיציעלער סאָוויעטישער פּרעסע זענען צוויי דריטעל פון די טראָצקיסטען אין סאָוויעטען-פערבאַנד שוין כמעט ווי אַוועק פון דער אָפּאָזיציע.

און יענע, וואָס זענען מעהר אָדער וועניגער אינפאָרמירט וועגען דער לאַגע, האָבען זאָגאַר גענומען מאַכען לאַנגע אויסרעכנונגען צי וועלען פּרעאָבראַזשענסקי און ראַדעק קומען קיין מאָסקווא ערב דעם צוזאַמענפאָהר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָדער צי וועט מען זיי לאָזען קומען אַהער ערשט דאַן ווען דער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָהר וועט זיך שוין האָבען געענדיגט, ווען מען וועט שוין וויסען אַקוראַט די פערהעלטנישען פון די כחות פון רעכטען פליגעל אין דער פּאַרטיי.

אַז די פּאַרטיי-קאָנפערענץ וועט זיך ענדיגען מיט אַ זיג פאַר סטאַלינ'ען איז פאַר אַלעמען געווען כמעט ווי קלאָר. דערפאַר איז אויך געווען קלאָר, אַז אויב סטאַלין וועט וועלען פיהרען וועלכע עס איז פערהאַנדלונגען מיט וועמען עס איז פון דער לינקער אָפּאָזיציע, וועט ער די דאָזיגע פערהאַנדלונגען פיהרען נאָך דעם צוזאַמענפאָהר, ווען זיין זיג וועט זיין אַ פולקאָם-געזיכערטער. פערהאַנדלונגען ווערען גאָר אַנדערש געפיהרט, ווען מען פיהלט זיך אַלס זיגער.

דער חשבון האָט, ווי עס ווייזט אויס, זיך אַרויסגעוויזען צו זיין ריכטיג. פּרעאָבראַזשענסקי איז געקומען קיין מאָסקווא נאָכ'ן דעם, ווי דער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָהר איז אַריבער. איצט איז בלויז די פראַגע, מיט וואָס ער וועט פון מאָסקווא אַוועקפאָהרען, און צי ער וועט בכלל אַוועקפאָהרען. ווען דער דאָזיגער אַרטיקעל וועט געלייענט ווערען אין ניו-יאָרק, וועט מען דאַן שוין אפשר אין מאָסקווא וויסען דעם ענטפער אויף דער דאָזיגער פראַגע, און ווער ווייסט אפשר נאָך דאַן אויך נים...

* * *

וואָס וועט זיין מיט טראָצקי'ן אויב עס זאָל קומען צו געוויסע פּשרות מיט דער לינקער אָפּאָזיציע? איז דאָ אַ האָפנונג, אַז מען זאָל טראָצקי'ן דאָ אַריינלאָזען צוריק קיין סאָוויעטען-פערבאַנד?

אין די בעדינגונגען, וואָס פּרעאָבראַזשענסקי האָט אַרויסגעשטעלט, ווערט וועגען טראָצקי'ן גאָרנים געזאָגט. עס רעדט זיך וועגען איינשליסען צוריק די אויסגעשלאָסענע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, אָבער קיין איינצעלנע נעמען ווערען דערביי נאָמענטליך נים דערמאָנט.

טראָצקי איז איצט אויסגעשפּילט פאַר רוסלאַנד. ער איז מעהר ווי אַ מת געשפּילט. ער איז געוואָרען ביי די מאַסען אַ סימבאָל פון אַן איבערלויפער.

(ענדע זעהע זייט 11)

אַ פּאָר ווערטער וועגען צווייטען אַלפּוילישען צוזאַמענפאָהר פון יוד. פרויען-פערבאַנד „וויזאָ"

(ספּעציעל פאַר'ן „לאָדזער טאַגעבלאַט") — פון **ד"ר מלכה רעזניק.**

„עתידו של העם בידי האם" (די צוקונפט פון פאָלק איז אין די הענט פון דער מוטער) — האָט געזאָגט איינער פון אונזערע גרויסע דיכטער. און אָט דער מוטער-געדאַנק האָט געשוועבט איבער'ן זיצונגס-זאַל פון „וויזאָ"-צוזאַמענפאָהר אין וואַרשא. אונטער'ן איינפלוס און פערשטענדניש פאַר די ווערטער, האָט די גאַנצע צייט דער 2-טער אַלפּוילישער וויזאָ-צוזאַמענפאָהר געאַרבייט.

דאָס האָבען פערשטאַנען אַלע אָנוועזענדע: די פערטרעטער פון דער פּרעסע, די געסט, די דעלעגאַציעס פון די זעלבשטענדיגע אינסטיטוציעס און אין ערשטער רייהע די דעלעגאַטינען וועלכע זענען געקומען פון דער פּראָווינץ פון 28 „וויזאָ"-אָפּטיילונגען. זיי האָבען מיט מעשים בעוויזען, ווי גוט זיי פערשטעהן און אַרבייטען פאַר אָט דעם געדאַנק.

דאָס זענען שוין מעהר נישט געווען די נאַאיווע דעלעגאַטינען פון ערשטען אַלפּוילישען צוזאַמענפאָהר, וועלכע זענען געקומען פאַר אַ יאָהרען קיין וואַרשא, און וועלכע האָבען נישט פערשטאַנען, וואָס מען קאָן, אויסער מאַטעריעלער שטיצע, אויפטון אין גלות פאַר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל.

אויף דעם צווייטען צוזאַמענפאָהר זענען געקומען בעוואוסטזיניגע, נאַציאָנאַל געשטימטע פרויען מיט אַנ'אויסגעאַרבייטען פּלאַן און בעגרינדעטע פאָדערונגען.

אַנשטאָט וואָס אויפ'ן ערשטען צוזאַמענפאָהר האָט מען געפיהרט דעם פאָרזיץ און די דעבאַטען כמעט נאָר אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט מען אויף דעם איצטיגען צוזאַמענפאָהר, אויף דער פאָדערונג פון דער דעלעגאַטינען, געפיהרט מייסטענס יודיש. פון צייט צו צייט האָט מען אויך געהערט די העברעאישע שפּראַך.

עס איז, צווישען אַנדערען, אויך אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס, אַז די קאָרעספּאָנדענץ צווישען דער צענטראַלע און דער פּראָווינץ זאָל געפיהרט ווערען נישט נאָר אין פּויליש, נאָר אויך אין דער יודישער שפּראַך.

עס איז אויסגעדריקט געוואָרען דער וואונש פון כמעט אַלע דעלעגאַטינען, אַז ביז מיר וועלען זיין אומשטאַנד צו רעדען מיט אונזערע קינדער העברעאיש אַריינפיהרען די יודישע שפּראַך אין הויז צווישען מוטער און קינד.

פון די בעריכטען, וואָס יעדע „וויזאָ"-אָפּטיילונג האָט צוגעשיקט דורך איהרע פערשטעהערינען, איז געווען צו זעהן, אַז די יודישע פרוי פערשטעהט, אַז אויסער דער מאַטעריעלער שטיצע פאַר ארץ ישראל, דאַרף זי זיך פערנעמען אויך מיט קולטורעלער און נאַציאָנאַלער געגענוואַרטס-אַרבייט.

פון די בעריכטען איז געווען צו זעהן, אַז אויסער וואָס אַלע „וויזאָ"-אָפּטיילונגען נעמען אַנ'אַקטיווען אַנטייל אין דער „קרן-קימת" און דער „קרן-היסוד"-אַרבייט, העלפען דערמיט דער ציוניסטישער יוגענד מאַטעריעל און מאָראַליש און אַלע זייערע אונטערנעהמונגען.

ווייטער האָט מען געקאָנט פעסטשטעלען פון די בעריכטען, אַז אין פיל שטעט און שטעטלעך פון פּוילען, אָרדנען איין די „וויזאָ"-מיטגלידערינס אַלערליי פאַך-שולען פאַר די חלוצים און חלוצות, וועלכע גרייטען צו געזונדע, פעהיגע, קוואַליפיצירטע קרעפטען פאַר דער אויפריכטונג פון דער יודישער מלוכה אין ארץ ישראל.

ביי אַלע „וויזאָ"-אָפּטיילונגען זענען אויך איינגעאָרדענט געוואָרען אַ רייהע פאָרלעזונגען איבער דער יודישער געשיכטע, פּאַלעסטינאָגראַפיע, יודישער קונסט, מוזיק. אין יעדער שטאָט און שטעטעל פון פּוילען, וואו עס געפינט זיך נאָר אַ „וויזאָ"-אָפּטיילונג, שטאַרען זיך די פרויען, אַז די העברעאישע שפּראַך זאָל ווערען די לעבעדיגע שפּראַך צווישען מוטער און קינד. צו דעם צוועק זענען איבעראַל איינגעאָרדענט געוואָרען העברעאישע קורסען פאַר פרויען, און „פרעבעל"-שולען און העברעאיש, פאַר קינדער.

די בעריכטען האָבען שטאַרק בעטאָנט געשטעלט, אַז די „וויזאָ"-מיטגלידערינס שטאַרען זיך צו ערציהען זייערע קינדער אין נאַציאָנאַל-יודישען גייסט פון די יודישע טראַדיציעס.

אונז איז באמת געווען אַ מחיה, אַ רוח צוצוזעהן, ווי אין אַלפי ערך קורצער צייט זענען פיל יודישע פרויען, אַ דאַנק דער „וויזאָ"-טעטיגקייט, אַריבער פון דער טיפער אַסימילאַציע צום יודישען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין.

נאָכ'ן אָנגעמען אַ רייהע רעזאָלוציעס און נאָכ'ן אויסוועהלען דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון לאָדז געהען אין צ. ק. אַריין די פרויען: ד"ר נ. ברווידאָ, פ. לאַנגע, פ. גאָלדבערג, ציין-דאָקטאָרין מ. רעזניק, ד"ר וו. ספּעקטאָר און ב. ספּעקטאָר. און די דעלעגאַטינס צו דער V. אַלוועלטליכער „וויזאָ"-קאָנפערענץ, וועלכע וועט פאָרקומען דעם 22 יולי אין ציריך (פון לאָדז זענען אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דעלעגאַטינס די פרויען: קלאַרא לאַנגע, ציין-דאָקטאָרין מלכה רעזניק, ד"ר וויקטאָריאַ ספּעקטאָר און בעלאַ ספּעקטאָר) איז דער 2-טער אַלפּוילישער „וויזאָ"-צוזאַמענפאָהר אין אַ געהויבענער שטימונג, מיט'ן געזאַנג פון התקוה געשלאָסען געוואָרען.

בּעפאָהר איהר פאָהרט אויף ערהאָלונג!!
געדענקט, אַז די איינציגע ביליגסטע איינקויפס-קוועלע פון אַלערליי
קאָסמעטיק
איז נאָר די איבעראַל בעוואוסטע פּערפומעריע
י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11 טעלעפאָן 75-92
בעמ.: פאַר אַנגראָסיסטען בעדייטענדער ראַבאַט

לאַגאָס און מלכות

ש. ראָזענפעלד צו זיין זעכציגסטען געבורטסטאָג

פון ד"ר א. קאַראַלניק.

איך זעה מיך אַנטקעגען שמואל ראָזענפעלד, א בלאַט פּאַפּיר פאַר מיר, אין דער האַנט א פּען, ווי א מאָלער, אָדער א צייכנער פאַר זיין מאָדעל.

ער זעהט עס נים. פערטיפט אין זיין שרייבען, פון צייט צו צייט א דריי בענ-דיג דעם קאָפּ, אונטערברעכענדיג אַליין זיינע אייגענע געדאַנקען — א וואָרט, קורץ, ווי אַרויסגעשליידערט — איהר ווייסט נים, פאַרוואָס גראָד אזא בעמערקונג; אָבער איהר פערשטעהט, עס האָט א שייכות צו אַנ'ענין — צו זיין ענין, צו דעם, וואָס בעשעפטיגט איהם גראָד איצט, אין דעם מאָמענט.

ער פּאָזירט פאַר מיר, און מערקט עס נים. מאַג ער עס נים בעמערקען, אז איך קוק זיך היינט אַריין אין איהם שאַרפער ווי תמיד, מיט מעהר נייגער, ווי געוועהנליך — פון א זייט, פון א דיסטאַנץ, און רעד זיך איין אויף א מינוט, אז „איך בין אויך א מאָלער" —

— און איך מאָל.

פאַר זיך, שטיל. אָהן ווערטער. גיב איך מיין מאָדעל פערשיעדענע פּאָזעס — אַט אַזוי, אין דער זון, אין פולען ליכט, אָדער ניין, בעסער אַביסעל פון א זייט, מעהר שאָטען. איך צילעוועט זיך צו: וואָס איז בעסער — אין פּראָפיל, אָדער „אַן פאַס", מיט דעם פּנים צו מיר? אָבער דאָס בלאַט בלייבט ווייס, די פעדער רוהרט זיך נים, און מיין „מאָדעל", וואָס איז גאָרנים חושד, אז איך מיין עפּעס שלעכטס, אז איך האָב עפּעס כוונות, בויגט זיך ווייטער אַריבער מיט דעם פיין-געשניטענעם, שמאָלען קאָפּ איבער דעם פּאַפּיר, און שרייבט.

* * *

ניין, עס געהט נים. כ'ווייס, וואָלט איך געווען א קינסטלער, אַפשר וואָלט עס געגאַנגען. צו זיי קומט, ווי פון זיך אַליין, דער בעהאַלטענער סוד פון א מענשען. זיי כאַפּען א שטריך, נעמען געפאַנגען א זשעסט, א מאָמענט-אויסדרוק, און עס ווערט פאַר זיי ווי א שליסעל צו דעם פערשלאָסענעם היכל. עטליכע ליניעס — שאָטען און ליכט — און דער פּאָרטרעט איז פערטיג. דער מענש, ווי דער קינסטלער זעהט איהם, לעבט זיך א ניי לעבען אויף דעם פּאַפּיר, אויף דעם ליינוואַנט.

אָבער א פּאָרטרעט — פון ווערטער, און אַרום יעדען וואָרט אַנ'אַטמאָספערע, א מין אַפּאַרט-וועלט! שווער גערעכט צו זיין מיט ווערטער. מחמת ווערטער זענען גוט אָדער שלעכט, שווער אָדער גרינג, זעלטען אָבער „אַט אַזוי" און אומבעדינגט.

בפרט, ווען עס זענען ווערטער — אַרום ווערטער; ווערטער, וואָס פליהען אַרום אין דער לופט, און פערלירען זיך ערגיץ אין א תהום — ווערטער פון א זשורנאַליסט.

זשורנאַליסט? פאַרוואָס דרעהען זיי די נעז, אונזערע „קינסטלער", אַפילו די יודישע, ווען זיי הערען דאָס וואָרט. אַפילו אזא קלוגער און ראַפינירטער מענש ווי אַרטור שניצלער, האָט זיך דערטראַכט צו אזא געוואַלדיגען שטות, אז „קינסטלער" זענען אויף איין מדרגה מיט נביאים — ד. ה. די אמת'ע שאַפער, די ענטפלעקער, די גאַנצע, די „געטליכע". און די „זשורנאַליסטען" שטעהען אויף דעם אונטערשטען שטאַפעל — — א טרוט — איינער און גאַנצע, פון דעם שאַרלאַטאַן — זיי זענען פון דעם „שמו", פון דער „סטרא אחרא".

איינע פון די נאַרישקייטען, וואָס פערענטפערן די רעפּוטאַציע פון דעם פּאַפּיר, וואָס האָט אזא נים-אויסצושעפּענדע גערולד; און נאָך מעהר ווי נאַרישקייט — נאָך ערגער — שטאָלץ.

כ'לעבען, איך בין גאָר נים אויסען צו פערטיידיגען די זשורנאַליסטען און די פובליציסטען. זיי האָבען אַריבערגעטראָגען מעהר, ווי א פאַר שטעלווערטער לער פון באַטעמען מיט פערויסענע נעז. זיי זענען אַפשר די איינציגע, וואָס האָבען אַנ'אמת'ען מאַסשטאַב; לעבען — א טאָג, נים קיין אייביגקייט, זיי האָבען נים קיין מעגאַלאָמאַנישע פאַנטאַזיעס. זיי ווייסען — אויך דער קינסטלער שאַפט פאַר דעם טאָג, פון דעם טאָג אַרויס. און צי דאָס איז א קורצער טאָג פון דעם זשורנאַליסט, אָדער א „יומא אריכא" — צייט פערגעהט, צייט פערשלינגט אַלצדינג — שניצלער'ס ראָמאַנען און בערנע'ס שאַרפע, גרויספּאַרנעמיגע זשורנאַליסטיק. און בעריהמט זיך נים, מיינע העררען, און זייט נים אַזוי גרויס ביי זיך.

איך נעם דעם לעקסיקאָן. געפין דעם נאָמען: ש. ראָזענפעלד. זעכציג יאָהר אַלט איז זיין לעבען; פערציג יאָהר, פונקט פערציג יאָהר, זיין שרייבען. און דער טיטעל, וואָס ווערט צוגעגעבען צו דעם נאָמען פון ש. ראָזענפעלד, איז: „זשורנאַליסט". פערציג יאָהר זשורנאַליסטיק.

איך קוק זיך נאָך אַמאָל איין אין מיין „מאָדעל" און קען נים פערשטעהן. איך זעה א רוהיגען פּנים, איך זעה א פיין געטאַקטען קאָפּ. און וויפיל שטורעמס האָט דער מענש געמוזט דורכמאַכען! פערציג יאָהר שרייבען, און נים ווי דער קינסטלער, ווען דער „גייסט קומט איבער איהם", נאָר טאָג-איין טאָג-אויס דענקען, שרייבען, דענקען איבער נייערע און שווערע פראַגען. שרייבען מיט דער שאַרפקייט פון א שווערד. און איך וואונדער זיך. און איך בעוואונדער.

פערציג יאָהר נאָכגעהן דעם פאָלק ישראל אויף אַלע זיינע וועגען, און נים מיד ווערען. דערמאָנט זיך: די יאָהרען פון דער אינטענסיווער יודישער געשיכטע. דער צוזאַמענבּרוך פון דער אַלט-יודישער סביבה, פון דעם אַמאָליגען לעבענס-שטייגער, אויפבלוהען פון דער אַסימילאַציע, אַנהויב פון דער מאָדערנער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, געבורט און וואַקסען פון דעם ציוניזם, פון דעם סאָציאַליזם, רעוואָלוציאָנערע צוגרייטונג אין רוסלאַנד, פּאָגראָמען, עמיגראַציע, דערנאָך באָלשעוויזם, און צולעצט — אַמעריקאַ.

א גאַנצע עפּאָכע, א געוואַלדיגער פּעריאָד, צונויפגעקנוילט אין פערציג יאָהר און דאָס אַלעס אויף די פּלייצעס פון א מענשען — איך וואָלט כמעט נים געזאָגט אויף איין מענשען! אויף איהם דער חוב צו קאָמענטירען, צו קריטיקירען, צו בעגלייטען מיט זיין וואָרט-אינסטרומענט די זיך אויפוויקלענדע היסטאָרישע מאָמענטען.

עס קלינגט אַפשר ווי א גוזמא, ווי א יובילעאום-פּראַזע. אָבער איך פיהל — עס איז א מופלא אמת: ש. ראָזענפעלד איז געווען דער איינציגער אמת'ער זשורנאַליסט, דער פובליציסט פון יודען, אויף דער שפּראַך פון דעם פאָלק — אָדער, ריכטיגער, אויף די שפּראַכען — אין די לעצטע פערציג יאָהר.

איך קען נים צוטוהען קיין איין זאַך פון זיינע אומגעצעהלטע מאמרים. איך בין נים אומשטאַנד איבערצוגעבען קיין אידעע, קיין פּראַזע, קיין גערעדנייש זיינעס. דאָס איז דאָך דער טראַגישער גורל פון זשורנאַליסטען: מען פערגעסט אַפילו די ווערטער. עס בלייבט בלויז: דער אַלגעמיינער איינדרוק, אַזוי צו זאָגען, דער הויך, דער ריח פון די ווערטער. בפרט די זשורנאַליסטען, וואָס שרייבען ווי ראָזענפעלד. נים פאַר די מאַסען, נאָר פאַר די בעסטע, פאַר די געקליבענע, דער פיהרער פון די פיהרער. דער דעבאַטאַנט פון די, וואָס בעשטימען דעם גורל און דעם וועג פון דעם לעבען.

און דאָס איז דער כאַראַקטעריסטישער צייכען פון א שריפטשטעלער; דאָס איז זיין חותם: די סביבה, וואָס ער בעלייכט, אָדער וואָס קלויבט אויס פאַר זיך.

לעסינג, דער גרויסער זשורנאַליסט, האָט עס געוואוסט. ער זאָגט אין זיינער „האַמבורגערישע דראַמאַטורגיע": „דער גוטער שריפטשטעלער, צי וואָס פאַר א קאַטעגאָריע ער זאָל נים געהערען, אויב ער שרייבט נים בלויז, כדי צו בעווייזען זיין וויץ און זיין וויסען — האָט תמיד אין אויג די בעסטע און די אויפגעקלעהרטעסטע פון זיין צייט, און בעהערשט מיט זיין שרייבען נאָר אַזעלכע פראַגען, וואָס קענען זיי רוהרען, וואָס קענען זיי געפעלען".

אָבער גראָד אַט די בעסטע, אַט די געקליבענסטע, האָבען א טבע צו פערגעסען. אָפּגעשלאָסען די דיסקוסיע, און מען געדענקט נים מעהר דעם דעבאַטאַנט.

און גראָד פאַר זיי האָט ראָזענפעלד, דער זשורנאַליסט פאַר עקסעלאַנס, דער איינציגער צווישען יודען, געשריבען זיינע פערציג יאָהר. מיט זיי האָט ער דיספּוטירט, צו זיי גערעדט, מיט זיי זיך מפלפל געווען. און אַפשר נים ווייסענדיג נים וועלענדיג, האָט ער געשאַפען א שטענדיגען פּירוש אויף דעם יודישען לעבען פון די לעצטע פערציג יאָהר, די יאָהרען פון איבערברוך און פון הבטחות.

א פּירוש — אָבער נים פאַר קינדער, נים קיין פּשט, נים קיין רש"י, נאָר אין דעם סטיל פון די לומדים, מיט שפּיצלעך, מיט המצאות, מיט „אויפרעקונגען".

פובליציסטען פאַלען אָפט אַריין אין דעם פעהלער, וואָס זיי ווערען מגידים, אָדער ריכטער. „יעדער שרייבער איז איינגענטליך א ריכטער". אויב איך האָב קיין טעות נים, האָט עס געזאָגט נישט לאַנג צוריק דער הויכבעגאַבטער דייטשער ראָמאַניסט טאָמאַס מאַן. דער ריכטער פון זיין צייט. דער ריכטער איבער מענשען; אָבער צום „ריכטען" דאַרף מען האָבען צופיל מוט און נאָך מעהר נאַאיוויטעט, פערגלייבטקייט אין זיך און אין אמת. ריכטען — הייסט אַרויסטראָגען א גזר, אורטיילען זיין א מין „פּסק". און דאָס קען נאָר א זעהר בעגרענעצטער מענש. מחמת — „ווער וועט משפּט'ן די שופטים"? אַט די פראַגע שטעלט זיך יעדער מענש, וואָס פערשליסט זיך נים אין זיין דאַנסט, וואָס האָט נים אָפּגעטיילט פאַר זיך א ווינקעלע אין לעבען און מיינט, אז דאָס איז די גאַנצע וועלט. דער, וואָס איז צו עהרליך מיט זיך אַליין, אורטיילט נים, גיט נים אַרויס קיין פּסק-דין'ס, ער זוכט בלויז, ער דעקט נאָר אויף דאָס פערבאָרגענע, ער שלעפּט אַרויס פון ווערטער און פון פאַקטען זייער פּאָזע און זייער מאַנטעל פון אילוזיע, און ווייזט נאַקעטקייט. אַט דאָס איז, אַט אַזוי זעהן אויס פאַקטען, און איהר אורטיילט אַליין.

און ראָזענפעלד דעקט אויף. ער האָט א שאַרף אויג. ער זעהט נים נאָר געגנוי, ער זעהט אויך ווייט. דאָס גאַנצע יודישע לעבען אין דער וועלט, צי דאָס איז אין פּוילען, אָדער אין אַרגענטינאַ, אין רוסלאַנד, אָדער אין ארץ ישראל — אומעטום איז דאָס פאַר איהם אַנ'אָפען בוך. ער פאָלגט עס נאָך מיט אַזוי פיל ליבע, מיט איבערגעגעבענהייט, מיט ענטוזיאַזם; ער שנירעלט אָן פאַקט אויף פאַקט; ער אַנאַליזירט מענשען און פּאַסירונגען, און זוכט תמיד דעם ריינעם טאָן, די שטרענגע, גרויסע יודישע ליניע.

* * *

און איינער פון ראָזענפעלד'ס אַרבייטען, „ר' מנשה מאַ עליע" אין דעם זאַמעלבוך „פּערזענליכקייטען", האָב איך געפונען א זעהר אינטערעסאַנט וואָרט, אין דעם נאָמען פון ר' מנשה: „דער מתנגד און דער חסיד זענען ביידע ווערט מלקות: דער מתנגד דערפאַר, וואָס ער זאָגט: „איך האָב דעם ספר, צו וואָס דאַרף איך האָבען דעם רבּ"; דער חסיד, ווייל ער זאָגט: „איך האָב דעם רבּ, וואָס דאַרף איך האָבען דעם ספר"".

עס וואָלט זיכער זיין נים מעהר ווי א ליטעראַרישער פערגלייך, אַנ'„המצאה", און ש. ראָזענפעלד וואָלט מן הסתם זיין דער ערשטער, וואָס וואָלט צוקען דערביי מיט די אַקסלען; אָבער מיר דאַכט זיך, אז דאָס וואָרט פון דעם אַלטען רבּ איז א מאָטאָ פאַר ראָזענפעלד'ס שרייבען.

דער ספר פון איין זייט, דער רבּ פון דער צווייטער, די ריינע אידעע און די פערקערפּערונג, די קולטור פון בוך און די קולטור פון סאָציאַלער היעראַרכיע, דאָס אַבסטראַקטע יודענטום און דאָס ריין-קאָנקרעטע, דאָס יודישע לעבען און זיין איינציגאַרטיגקייט, און דאָס יודענטום, וואָס וויל זיין ווי יעדע אַנדערע סביבה — דאָס זענען די צוויי מאָטיווען פון דעם יודישען לעבען. און זיי פיהרען א קאַמף פאַר הגמוניע, אויף יעדען געביט. און ראָזענפעלד זוכט א סינטעזע, ער וויל זיי פעראייניגען, פערשמעלצען.

אָבער נים ווי א מגיד, וואָס זאָגט מוסר; נאָר ווי א שטרענגער, האַרבער דענקער, וואָס זאָגט: „שניהם ראויים להלקות". עס קומט זיי ביידע מלקות — די צעררייסער און די צעברעכער פון דער איינהייט.

און ער קען די מלאכה פון מלקות געבען. ער פּראַקטיצירט זי שוין פערציג יאָהר. א געניטע האַנט, און א שטאַרקע מלקות — פון שכל.

נים אומזיסט איז זיין בעליבטסטער פּסעוודאָנים „לאַגאָס". לאַגאָס — וואָרט. אָבער אויך לאַגאָס — שכל. דער לאַגאָס וואָס וויל ווערען מאַכט, גרויסמאַכט.

* * *

און איך זיץ און שרייב, צייכען דעם פּאָרטרעט פון דעם זעכציג-יאָהריגען שרייבער, פון דעם וועטעראַן פון דער יודישער פובליציסטיק.

ער אָבער מערקט עס נים. פערטיפט אין זיין אַרבייט — ווידער אויפגעדעקט עפּעס אַנ'אומלאָגישעס, א דערווייטערטקייט, אַנ'אומזין און א צעריסענקייט אין דער יודישער וועלט — דער ווייטער אין אַזוי שמאָלער יודישער וועלט — און די האַנט טיילט אויס מלקות, ווי מיט פערציג יאָהר צוריק, מיט דער איינגענער פרישקייט, מיט דער איינגענער ענערגיע.

אַפילו אַמעריקאַ, די אַלץ פערפלאַכענדע, האָט אויף איהם קיין שליטה נישט געהאַט. אַפילו אין דער ענגער, פּענטשענדער סביבה; אַפילו דאָ, וואו דאָס יודישע וואָרט האָט אַזוי ווענעג ממשות און אזא וואַכען אָפּקלאַנג, האָט ער זיך נים פערלוירען.

ווייל ער ווייסט — „יש אוזן שומעת" — עמיצער הערט זיך צו. און קיין וואָרט געהט נים פערלוירען, ווען עס איז א לאַגאָס-וואָרט. לאַגאָס-שכל, וואָס מוז ווערען לעבען.

און צו דעם ווינשענדען, צו דעם מוטיגען קעמפער פאַר גאַנצקייט און פאַר סינטעזע — מיין גרוס.

—0—

רוסלאַנד, ווי עס זעהט זיך אַליין

(א סאָוויעטישע דראַמע פון איצטיגען פאַמיליען-לעבען אין רוסלאַנד)

פון וויליאַם צוקערמאַן.

עס איז שוין א גוט בעוואוסטער פאַקט, אז דעם אמת וועגען רוסלאַנד איז שווער, אָדער כמעט אונמעגליך צו דערגעהן. די אורזאַך איז נים, ווייל וועגען סאָוויעט-רוסלאַנד פעהלען איצט אינפאָרמאַציעס. פערקעהרט. וועגען קיין לאַנד אין דער וועלט רעדט מען איצט נישט אַזוי פיל, און מען ווייסט נים אַזוי פיל, ווי וועגען רוסלאַנד. מען פאָהרט איצט קיין רוסלאַנד פון דער גאַנצער וועלט. מען שרייבט פון דאָרט ביכער, אַרטיקלען אָהן א סוף. דער אמת וועגען רוסלאַנד איז געוואָרען כמעט ווי א שטענדיגע רובריק אין פיל צייטונגען.

די צרה איז אָבער, וואָס יעדער זעהט דעם אמת אין רוסלאַנד בלויז דורך זיינע אייגענע ברילען. דער קאָמוניסט זעהט אין רוסלאַנד א גן-עדן אויף דער ערד. יעדע זאַך, וועלכע ער טרעפט דאָרט, איז אַזוי שעהן, גרויס און גוט, אז עס ברענגט איהם אַזש אין התלהבות; עס זענען פאַראַן מענשען, וועלכע קענען וועגען סאָוויעט-רוסלאַנד אַנדערש גאָרנים רעדען, ווי נאָר מיט א ציטער פון היילינקייט. פון דער אַנדערער זייט זענען פאַראַן אַנדערע, וועלכע קענען דעם לעבען געגענשטאַנד נים דערמאָנען אָהן ציין-קריצעניש. דערצו הערען מיר איצט אַזוי פיל וועגען רוסלאַנד און ווייסען אַזוי ווענעג דעם אמת וועגען איהר. פאַקטען און איינצעלהייטען פעהלען נים. זיי ווערען צודרעהט און צוקאָלעטשעט פון פּאַרטיי-ליידענשאַפטען פון ביידע צדדים. אַזוי אז מען קען פון זיי קיין אמת נים דערגעהן.

עס איז אָבער פאַראַן איין קוואַל, וועלכען אַפילו די „ליידענשאַפטליכע" פּאַרטייאישקייט פון אונזער צייט האָט נים געקענט אינגאַנצען פערטונקלען און מען זעהט נאָך אין איהר אַפילו איצט אַנ'אָפּשפּיגלונג פון רוסישען לעבען: דאָס איז די רוסישע ליטעראַטור. פון איהר אָנהויב אָן, אָבער א הונדערט יאָהר צוריק, ביז היינטיגען טאָג דאַרף די רוסישע ליטעראַטור שטענדיג געגעבען דאָס בעסטע בילד פון רוסלאַנד. דעם מיטבעסטען אמת וועגען יענעם גרויסען לאַנד האָט מען שטענדיג געפונען אין די ווערק פון די רוסישע קינסטלער. אַפילו אין יענע פינסטערע צייטען ווען רוסלאַנד איז געלעגען אונטער דעם אייזערנעם קנאַפּעל פון צאַריזם און דאָס פרייע וואָרט איז געווען אין גאַנצען דערשטיקט, אַפילו דאַן האָט די רוסישע ליטעראַטור זיך געלעגט איבערצוגעבען אַנ'אמת בילד פון דעם לעבען דאָרט.

די דאָזיגע שעהנע טראַדיציע האָט די רוסישע ליטעראַטור אויפגעהאַלטען. אויך איצט הערט מען נאָך אין דער רוסישער ליטעראַטור אַנ'אמת וואָרט פון רוסלאַנד, א וואָרט, וואָס איז נים צודרעהט פון פּאַרטיי-פּראָפּאַגאַנדע, און ווייל מען דערגעהן דעם אמת וועגען לעבען אין סאָוויעטען פערבאַנד, איז די רוסישע ליטעראַטור פון דער לעצטער צייט נאָך אַלץ די איינציגע וועגווייזערין.

דעם אמת וועגען רוסלאַנד האָט שטענדיג געזאָגט רוסלאַנד אַליין, נים קיין פרעמדע. אַזוי אויך איצט.

לאָנדאָן האָט איצט געהאַט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען אין דעם. אין א פּרעכטיגען ענגלישען טעאַטער איז אויפגעפיהרט געוואָרען א דראַמע פון מאָדערנעם רוסישען לעבען, דער „רויטער זשאַוער" פון א סאָוויעטישען רוסישען שרייבער א. ה. אוספּענסקי. די דאָזיגע דראַמע איז אויפגעפיהרט געוואָרען חדשים לאַנג פאַר געפּאַקטע הייזער אין מאָסקווא און אין אַנדערע רוסישע שטעט און מען האָט איהר דערום אויך אַראָפּגעבראַכט קיין לאָנדאָן. געוויזען איז עס געוואָרען נים אַזוי צוליב דעם ליטעראַרישען ווערט פון דער דראַמע, נאָר צו זעהען א בילד פון דער סאָוויעטישער ווירקליכקייט, ווי עס ווערט פאָרגעשטעלט אויף דער סאָוויעטישער בינע. קיין גרויסען ערפאָלג האָט די דראַמע אין לאָנדאָן נים. דעם ציל איהרען האָט מען אָבער דערגרייכט. זי האָט געוויזען לאָנדאָן א בילד פון רוסלאַנד, וואָס קיין רייזענדער און אויסלענדישער שרייבער קענען איהם נים ווייזען. זי האָט געוויזען ווי אַזוי דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד זעהט זיך אַליין.

* * *

עס מוז פעסטגעשטעלט ווערען פון אָנהויב אָן, אז די דאָזיגע סאָוויעטישע דראַמע, וועלכע איז איצט אויפגעפיהרט געוואָרען, איז נים קיין ערשטקלאַסיג ליטעראַריש ווערק. קיין דראַמע פון א טשעכאָוו, טאָלסטאָי אָדער גאָרקי, איז עס נים. גאַנץ ווייט דערפון! עס איז א גאַנץ געוועהנליכע מיטעלמעסיגע פּיעסע מיט אַנ'עטוואָס מעלאָדראַמאַטישען אינהאַלט; פון די פּיעסען, וועלכע מען פיהרט אויף אין די הינטערשטע אויף די בוהנען אין לאַנד. קיין כאַראַקטעריסטיש ווערק פון דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור איז עס נים.

דער פערפאַסער פון דער דראַמע „רויטער זשאַוער" בעזיצט נים די גרויסע קינסטלערישע פעהיגקייט פון באַבעל (דער עלטערער יודישער יונגערמאַן, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט זיינע ערצעהלונגען פון דער רויטער אַרמעע) פון גלאַדקאָוו, איליאַ ערענבורג, וואָסוואָלאָד איוואַנאָוו און סייפולינא (א פרויען-שרייבערין פון ערשטען ראַנג אין רוסלאַנד). ער איז א געוועהנליכער, בעהינגער, אָבער גוט אויבריג בעגאַבטער שרייבער, וועלכע זענען גאַנץ אָפט מעהר ערפאָלגרייך פון די גאָר גרויסע קינסטלער.

פונדעסטוועגען גיט זיין דראַמע א גאַנץ ריכטיג בילד פון רוסלאַנד. עס קען זיין אז גראָד דערפאַר, ווייל זיין דראַמע איז נים אַזוי קינסטלעריש, איז זיין בילד א ריכטיגס. דער גרויסער קינסטלער גיט געוועהנליך נים אָבער א בילד גענוי ווי עס איז. ער גיט ריכטיג אָבער דעם גייסט פון דער זאַך, אָבער די איינצעלהייטען, ווי זיי זענען, אינגאָרדענט ער אָפט, אָדער ער בויט זיי אום, אַזוי ווי עס פּאַסט זיך איהם. דער קלענערער טאַלאַנט איז אַזוי ווי א פאָטאָגראַף, וועלכער נעמט אַרונטער א פאָטאָגראַפיע. די נשמה ווייזט ער טאַקע נישט אַזוי גוט, די אומגעבונג אָבער און די איינצעלהייטען קומען בעסער אַרויס. יעדענפאַלס איז דאָס דער פאַל מיט דער דאָזיגער דראַמע.

* * *

דאָס גאַנצע ווערק איז א מין זשורנאַליסטישער בעריכט אין דער פאָרם פון א דראַמע. פאַקטיש איז די דראַמע געבויט אויף א צייטונגס-סענסאַציע, וועלכע האָט אין זיין צייט אויפגעשטורעמט די רוסישע פּרעסע. דער שרייבער האָט דאָ געגעבען אַנ'אמת'ן עפּיזאָד פון רוסישען לעבען, וואָס האָט זיך פערלאָפען מיט קנאַפּע דריי יאָהר צוריק און האָט וועגען דעם אָנגעשריבען א דראַמע. ער האָט זיך געהאַלטען זעהר טריי צום טעקסט פון דער פּאַסירונג און זיך נים ערלויבט קיין צופיל קינסטלערישע פרייהייטען, אַזוי אז עס איז אַרויסגעקומען אַנ'אמת פאָטאָגראַפיש בילד פון דעם ווינקעל פון סאָוויעטישען לעבען.

דאָס דאָזיגע ווינקעל איז גראָד זעהר אינטערעסאַנט. עס איז דאָס פאַמיליען-לעבען אין רוסלאַנד. דער אמת'ער עפּיזאָד, אויף וועלכען ער איז געבויט, איז פאָלגענדער: — מיט א יאָהר צוויי צוריק איז די רוסישע עפענטליכקייט אויפגערודערט געוואָרען פון א זעלבסטמאָרד פון א יודיש מיידעל, א סטודענטין אין מאָסקווא, וועלכע האָט זיך גענומען דאָס לעבען, ווייל זי האָט מעהר נים געקענט אַריבערטראָגען די ברוטאַלע בעהאַנדלונג, בעליידיגונגען און געפּרעגיטע צרות, וועלכע עס האָט איהר פערשאַפען איהר מאַן, א קאָמוניסט, אויך א סטודענט. א גערוכטליכע אונטערזוכונג האָט אַרויסגעבראַכט דעם פאַקט, אז דער מאַן האָט געטריבען דאָס אונגליקליכע מיידעל צו איהר טויט צוליב דער אַזוי-גערופענער פרייער ליבע. ער איז געווען א גוטער, קלאַסען-בעוואוסטער קאָמוניסט. אַלס אַזעלכער האָט ער זיך געהאַלטען פריי פון אַלע „בורזשואַזנע" פאָראורטיילען וועגען הייראַט און אַנדערע „קליין-בורגערליכע" זיטען. ער האָט מיט דעם מיידעל געהאַט אַנ'„אַפּערע". זי האָט געזאָלט האָבען א קינד. נאָכדעם האָט זי זיך איהם צוגעגעסען. ער האָט גענומען האָבען „אַפּערעס" מיט אַנדערע מיידלעך און געוואָלט פטור ווערען פון איהר. זי איז אָבער געווען א געוועהנליכע „בורזשואַזנע" מיידעל (אויך א קאָמוניסטקע) מיט אַלע „קליינבורגערליכע" פאָראורטיילען פון פרויען, האָט זי איהם נים געוואָלט פערלאָזען, האָט געהאַט „טענות, תביעות, ווי דער שטייגער מיט פרויען איבער דער גאַנצער וועלט און אַפילו אין קאָמוניסטישען רוסלאַנד. דער בחור האָט די פאָרוואורפען פון יודישען מיידעל נים געקענט פערטראָגען. ער האָט איהר גענומען טרייבען פון שטוב, בעליידיגען און זאָגאָר שלאָגען. ביז די אונגליקליכע האָט, אין א מינוט פון פערצווייפלונג, זיך דערשאָסען.

די קאָמוניסטישע רוסישע פּרעסע האָט דאַן וועגען דער פּאַסירונג אויפגעהויבען א גרויסען גערודער. מען האָט א סך געשריבען וועגען די מוסר-השכלה, וועלכע מען מאַכט איצט אין רוסלאַנד פון דעם וואָרט „פרייע ליבע" און פון גאַנצען היינטיגען סיסטעם. די עלטערע קאָמוניסטען האָבען דאַן געקלאַגט, מען זאָל דעם מאַן צוציהען צו פעראַנטוואָרטליכקייט אַלס בייַשפּיל פאַר אַנדערע און מען זאָל אין אַלגעמיין מאַכען א סוף צו דער פרייער ליבע הפקירות, וועלכע פערבעהאַלט פּשוט'ן געשלעכטליכען עגאָאיזם אונטער דער מאַסקע פון רעוואָלוציאָנערישקייט און קאָמוניזם.

דעם שולדיגען קאָמוניסט האָט מען דאַן טאַקע געשטעלט פאַר'ן געריכט. ער האָט מחוצפה'דיג געטענה'ט, אז ער איז א קאָמוניסט און אַלס אַזעלכער איז ער נים געבונדען פון בורזשואַזע מאָראַל און פון בורזשואַזע פאָראורטיילען. ער האָט מיט'ן מיידעל, אמת, געהאַט אַנ'„אַפּערע", נו, איז וואָס? ער איז נים קיין „קליין-בירגער", וועלכער מוז זיך האַלטען מיט א פרוי, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט מיט איהר געהאַט אַנ'„אַפּערע". ער האָט איהר געזאָגט, אז ער וויל איהר נים מעהר און דאָס איז גענוג. זי האָט געוואָלט בעגעהן זעלבסטמאָרד, איז עס איהר זאַך. דאָס געריכט האָט דאַן דעם מאַן בעפרייט און האָט איהם נאָך געמאַכט א פאָרוואורף. מען האָט איהם אַפילו פון דער פּאַרטיי נים אויסגעשלאָסען.

דאָס איז געוועזען דער אמת'ער עפּיזאָד. דער רוסישער שרייבער האָט גענומען דעם זעלבען עפּיזאָד און דערפון געמאַכט די דראַמע „רויטער זשאַווער". דער אינהאַלט פון דער פּיעסע איז גאַנץ גענוי דערזעלבער, וועלכען איך האָב דאָ איבערגעגעבען, מיט דעם איינציגען אויסנאַהם, וואָס דער שרייבער האָט דעם סוף פון דער אמת'ער געשיכטע אַביסעל געענדערט. אין לעצטען מעלאָדראַמאַטישען אַקט, ברענגט ער אַרויס אז דאָס יודישע מיידעל איז גאָר נים בעגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד, נאָר איז פון איהר ברוטאַלען מאַן ערמאָרדעט געוואָרען. דער מאָרד דעקט מען אויף: דער שולדיגער קאָמוניסט ווערט אַרעסטירט און ער בעצאָהלט פאַר זיינע פערברעכענס. דאָס איז די איינציגע „פערבעסערונג", וועלכע דער דראַמאַטורג האָט געמאַכט אויף דער אמת'ער פּאַסירונג און הלואי וואָלט ער אויך די דאָזיגע „פערבעסערונג" נים געמאַכט.

דאָס ערשטע, וואָס די דאָזיגע דראַמע ברענגט אַרויס איז, אז די לאַגע פון דער פרוי אין סאָוויעט-רוסלאַנד, איז נאָך גאַנץ ווייט פון אידעאַלער פאָלקאָמענהייט. די רעוואָלוציע האָט די רוסישע פרוי בעפרייט פון פיל אונגערעכטיגקייטען און פערפאָלגונגען. זי האָט אָבער אויך אָפּגעשוואַכט, אויב נים אינגאַנצען אָפּגעשאַפט, די הייראַט און דאָס איז פאַר דער פרוי א פיל גרעסערער שאָדען, ווי פאַר'ן מאַן. מיט די אַלע טענות וועגען דער גלייכהייט פון מענער און פרויען איז עס אָבער פאָרט א פאַקט, אז די פרוי איז צוליב איהר פיזישער לאַגע אָפּהענגיג פון מאַן און זי נויטיגט זיך

(ענדע זעהט 11)

ראַקעטען

איבערדרוקען פערבאָטען

א זאַמלונג קאַלאַמבורעס

פון אַמיק (לאָדז)

קיין שום דאָקטאָר קען נישט אויסהיילען די קראַנקהייט — „קלעפּטאָמאַניע"...

•

דער מענש, וואָס פערלאָזט זיך צו פיל אויף דער הצלחה, איז אַליין א — לא-יצלח...

•

די פרוי וואָס איז נישט קיין אַקטריסע, קען אויך גוט שפּילען די ראָלע פון א — בעליידיגטער...

•

קיין שום פּאָליטיקער אַרבייט נישט אַזוי גלענצענד, ווי א — שטיוועל-פּוצער...

•

ס'איז שווער צו דערגעהן, צי צוליב געזעצלאָזיגקייטען שאַפט מען געזעצען, צי צוליב דעם, וואָס מ'שאַפט צו פיל געזעצען, שאַפט זיך — געזעצלאָזיגקייט...

•

ס'איז לייכטער צו געפינען א סך יונגע פרויען מיט א פרוה-רייפען קערפּער, ווי איין-איינציגע פרוי מיט א — רייפען שכל...

•

נאָר די מענשען קענען א סך געלד פערדינען, וואָס קענען דערצו — דינגען...

•

די שווערסטע משא איז א — ליידיגע קעשענע...

•

דער שווערסטער חשבון איז פאַר א יוד, דער — חשבון-הנפש...

•

א מענש מיט א „גאָלדען האַרץ" האָט ווייניגער שאַנסען צו האָבען ערפאָלג ביי פרויען, ווי דער מענש, וואָס מאַכט גאָלדענע געשעפטען...

•

די וועלט איז א ריזיגע נשיענ-אַרענע, וואו ס'רוב מענשען יאָגען זיך: נאָך געלד, נאָך פרויען און נאָך — כבוד...

יונג-זומער

טראכטונג און דערמאהנונג

פון ב. עפּעלבוים.

ווי פיל מאל שוין, אז מיינע גרויע צעי-גאנדערטע אויגען האבען געזעהן דעם אנקום פון גרין-גאלדענע טעג און לאנד-פריי; וויפיל מאל שוין, אז מיינע אויערען האבען פערנומען דאס אויפגע-הענדיג פארבונג געזאנג פון אויפגע-וואכטער ערד; וויפיל מאל שוין, אז מיין פנים איז געגלעט געווארען פון זייד-צארטען ווינט, וואס האט צו מיר דערוואנדערט מיט צוהוליעטער פרייד פון צווישען בערג. און אלע מאל: מיט'ן אויפגאנג פון יונג-זומער, געהט אויף פרייד און מיין לייב און געדולטער אי-מעט און מיין הארצען.

און אזוי אויך היינט:

נאך און שלאף האב איך דערהערט, זילבער-געזאנג פון צוועלפטער וועלט שטעהט אונטער די וועגט פון מיין צי-מער. ס'איז דאס געזאנג, וואס קומט פון מיין איינציגעם יונג-זומער, פון מיין פריהער יוגענד, וואס איז ערגיץ ווייט פערבליבען און וועט זיך שוין צו מיר קיינמאל נישט צוריקקעהרען; צו מיר איז געקומען דער ריח פון יענע יום-טוב טעג פון מיין קינדהייט, די טעג וואס ליגען ערגיץ ווייט געשאכטענע אויף זאמדיגע וועגען און איז צובלוהטע סע-דער פון מיין ערשטער היים, האב איך געעפענט די אויגען און דערזעהן: גאלד איז געגאסען אויף די שויבען פון מיין פענסטער און דער ליכטיגער אפגלאנץ פאלט און פלעקען אויף מיין צידעק, בין איך אראפ פון געלעגער, מיט בע-וואונדערונג און די אויגען צו צום פענ-סטער, ארויסגעקוקט און געטראפען: יונג-זומער שטעהט שמייכלענדיג און דרויסען מיט גאלדענער קרוין אויפ'ן קאפ. בלויער הימעל הענגט אנ'אויסגע-וואשענער איבער אוהם. צוזילבערנג שטעהט דער אלטער, אוצט אויפגעוואכ-טער פארק. עלאסטיש שטרעקען זיך די צווייגען און די נאר וואס געבוירענע בלעטלעך פלאטערן מיט יונג-גרין און מיט פרייד פון וואקסען.

ווען זענען די בלעטלעך געבוירען גע-ווארען?

ביינאכט איז יונג-זומער אנגעקומען, די בלעטלעך געבוירען, דעם פארק מיט גרינע ליכטיגער בעדעקט און גרין-גאל-דענעם יום-טוב אויף דער וועלט גע-בראכט.

אוצט, שטעהט מיין פענסטער גע-עפענט. און מיינע אויגען שטעהען אויך פערגליווערט און שמייכלענדיג. יונגע ווינטלעך יאגען זיך אריין און ארוים, גלעטען אוים מיין געקנייטשטען שטע-רען מיט מוטערליכע קוהלע פינגער, לאכען מיר שטיפעריש אין פנים אריין. עס לאכט דער דרויסען, עס לאכט דער פארק. נאר דארט און א זייט, וואו דער פארק בארגט-זיך ארויף קוקען שטויקער גרויע פעלזען-שטיין, קוקען מיט פער-כמורעטקייט האלטענדיג אין זיך א סוד פערשלאסען. דעם איינבינגען סוד, וואס שטיין האלט און זיך פערבארגען און צו וועלכען דער מענש וועט אפשר קיינמאל נישט צוקומען...

און די אויפגעוואכטע ערד זינגט איר געזאנג, וועקט עס פרייד און מיין לייב און שווערען אומעט און מיין הארצען...

* * *

פרייד פון יונג-זומער, איך האב דיר דערקענט:

איבער ים'ען וועלד-צושטורעמטע, ווייט-צוגאסענע, איבער טייכען פארנאל-טיגע-טומלענדיגע און בוימאנג-צעזונגענע. איבער הארטע פרעמדע וועגען — טויבע דרימלענדיגע, שפאן איך צוריק מיט מידע טריט; צוזה צוריק דעם וועג וואס איך האב פון מיין יונג-זומער אפגע-בלאנדזשעט און וואס ער האט אזוי פיל שטויב אויף מיינע אקסלען געלעגט.

און אזוי שפאנענדיג ווינקלען זיך אפ פון מיר די שווערע יאהרען, וואס זענען ווי דיקע הויטען אנגעוואקסען אויף מיין לייב. ווער איך יונג און יונגער, די פיס שפאנען גרינג און גרינגער, ביז איך דערגרייך צו הוימישען זאמדיגען וועג וואס דרימעלט צווישען גרינע פעלדער אונטער מארגען-זון.

אט שטעהען דיי די ווייטע בזשאזשי-בוימער ביי די זייטען וועג!

— אט באלד וועלען מיר טרינקען זאפט פון זייערע לייבער!

מיין קול איז קלאר ווי דער הימעל בלוי. די אויגען טרינקען זון און גרין. מיינע האר זענען נעדרלכט און שווארץ. די פינגער פון ווינט שלייכען דורך זיי, קרייזלען זיי. די אברים רייסען מיט פרייד און לייב. און מיינע יונגע חברים זינגען דאס געזאנג פון אונזער יונג-זומער.

— גולבער, חברה!

די פעלדער ליגען אויסגעשפרייט ווייט און ברייט, קארן שפראצט גרין פון אלע זייטען, ריח פון בליהטען שפור'ט דאס יונגע בלוט, און אט איז אריה'ס ווינט-מוהל.

ס'שטעהט די מוהל שטול אויף גרי-נער לאנקע. זעהט עס אוים. און אוהר וואוינט דער שלאף פון פעלדער. נאר די פלוגען פאלען, דרעהען זיך און שמייכ-לען מיט פירטראכטקייט.

און אונזערע יונגע בלוטען רוזעלט פרייד ווי עס רוזעלטזאפט און די ווייט-סע לייבער פון די בוימער.

ס'אר א ליכטונגקייט אויף דער וועלט! פון ווייטען שטייכעלט דער וואלד ווי א גוטער זיידע. מיט געלע קוויטלעך זענען לאנקעס בעשפרענקעלט. עס זוינגט א שטולער קוואל וואס גלוטשט זיך איבער גראזען, און עס שרייט ווילד פון די לייבער ארוים:

— לאמיר לויפען!

מיט יובעל רייסען זיך די יונגע פיס, און איך — פאראוים. דאס פעגימענטערל שלעפט איר פון קעשענע. עפען עס נאך איינדער איך האב צום בוים דערגרייכט. פלינק גובען זיך א יאג די פיס. פאל איך צו צום בוים ווי צו א רייכען לייבען פעטער. כאפ איהם ארום מיט ביידע הענט און שריי מיט זונוג קול:

— דער בוים איז מיינער!

און יעדער כאפט זיין בוים.

עס רוישט די פרייד, פלינק ארבייטען הענט מיט פעגמטעבערלער. טובער ווע-רען די קארבען און די יונגע לייבער פון בוימער.

מיין בוים שטערט א לאכענדיגער, א ווייסער, די טונקעל-ברוינע לאנגע רוט-לער הענגען אראפ ווי צעצוואגענע האר. קליינע קעלכערלעך פלעטלער פינקלען פון זיי ווי גרינע פרייד-טרעהרען.

א גאנצע איינגעקייט, אז מיר האבען איינער נאכ'ן אנדערן געבענקט און אוצט האבען מיר זיך געפונען. „יונגער פריינד! טרינק מיין זאפט, ער איז פאר דיר געגרייט!

— עס געהט!

פון אויגעשניטענעם לייב קוועלט ווייס-סער זאפט, זאמעלט זיך און ברייטען מיפען קארב. איך האב גרייט א פענ-רעל" — פון א געגנונגען פעדער געשני-טען. מיינע ליפען פאלען צו צו איין ברעג פון דעם רעהרעל, דעם צווייטען עק — און קארב און איך טרינק דעם זאפט. זוס און זיך די פליסיגע זיסקייט מיט אזא תאוה ווי וואקרצלען זויגען פון דער ערד.

שטעהען צעפרייטע יונגען. יעדער ביי זיין בוים. יעדער מיט זיין „פענעל" און מיר זענען אלע ווי יונגע קינדער, קינדער, וואס זויגען ביי דער צעבליה-טער מוטער-ערד!

און עס רוזעלט די פרייד און לייב ווי עס רוזעלט דער זאפט און בוים. און פון דארט האב איך די פרייד מיטגענומען און לאנגען וועג אריין.

פרייד פון יונג-זומער דערוועקט די פרייד פון מיין פריהער יוגענד...

* * *

און הארצען שפעטשעט דער אומעט.

— ס'איז בלויז א חלום, וואס האט זיך אויף א ווייל צוריקגעקעהרט. וועסט קיינמאל שוין נים אהין דערשפאנגען. צו מיר זענען שוין דיינע טרוט, די שווע-רע יאהרען זענען הארט צו דיין לייב צו געוואקסען. וועסט זיך פון זיי נים אויס-ווינקלען.

די מענש — האסט נים דיין יונג-זומער מעהר. די חכמה האט אוועקגע-לעגט שוועלען פאר דיינע פיס, די קלוג-שאפט האט פערצוימט די וועגען, וואס פיהרען און לאנד פון דיין יונג זומער.

נומא מעהר די געדולטע שווארצע האר אויף דיין קאפ. דער זונט האט זיי אויף אלע זייטען וועלט צוטראגען. ווי אזוי זשע וועסטו זיי צונויפזאמלען?

דיינע יונגע טעג האסטו אויף הארטע שטיינער צושלאגען, ווי אזוי זשע זאלען זיי צו דיר צוריק קומען?

האסט דיין בערגע בוים פערלאזט, זיך פון אוהם דערווייטערט, ווארט ער מעהר נים אויף דיר.

האסט דיין פריינט געזוכט צווישען ווענט איינגעשלאסען. האסט זיך אפגע-טיילט פון זאמדיגען וועג פון ווייסע בזשאזשעס, פון שטילע ווינטמיהלען, פון רוישיגען טייכעל און געל-בעקוויטעל-טע לאנקעס. האסט זיך אזוי פיל דער-ווייטערט און איצט וועסטו שוין צוריק דעם וועג נים געפונען, בלויז א חלום איז דיר געבליבען.

אז עס קומט יונג-זומער אויף דער וועלט, וואכט אויף די ערד מיט געזאנג, צולאכען זיך די בוימער מיט פרייד, שטרעקען זיך צווייגען מיט גארונג, איז ס'פלאטערן יונג-גרינע בלעטלעך מיט וואקסונג, אבער צו דיר, און דיינע אויב נעפוצטע צומערן קומט יונג-זומער נים אריין.

עס ליגט נאך זאמדיג דער וועג ווי אמאל. עס שטעהען ווייסע די בזשאזשי-בוימער ווי אמאל, עס רוזעלט זאפט און זייערע לייבער ווי דעמאלט ווען ביזט צו אוהם מיט פרייד געלאפען, אבער די קענסט מעהר אהין נים קומען.

און דער אומעט ווייגט און הארץ:

— געקומען יונג-זומער אויף דער וועלט. אבער וואו איז דיין יונג-זומער?

* * *

ל'בין היינט אויפגעשטאנען און גע-טראפען יונג-זומער און דרויסען. און דערפאר רוזעלט פרייד און מיין לייב און ס'פרעסט זיך אומעט און מיין הארץ.

סיידען: וועסט קומען מייטערסטע און וועסט מיר צוריקפיהרען צו מיין יונג-זומער. און די פרייד וועט אויך דאס הארץ פערגיסען...

25 יאהר פּעדאגאגישע טעטיגקייט פון דיר. ה' מיכאל בראנדשטעטער

הייאהר ווערט 25 יאהר, זייט דער און לאדז גוט בעקאנטער און פערדינסט פולער דירעקטאר פון יודישען פרויען-גימנאזיום, ה' מיכאל בראנדשטעטער האט אנגעהויבען זיין פעדאגאגישע טע-טיגקייט.

א יובילעאום פון א פעדאגאג דארף ארויסרופען פרייד ביי יעדען מענש, וואס אינטערעסירט זיך מיט ערציהונג, מכל-שכן נאך א יובילעאום פון א יודישען פעדאגאג, וואס האט געווידמעט זיינע כחות דעם יודישען שול-וועזען און איז געווען איינער פון זיינע ערשטע בויער.

דירעקטאר מיכאל בראנדשטעטער איז א זוהן פון דעם פערשטארבענעם העב-רעאישען משכיל'שען שריפטשטעלער, דעם הימארפולען זקן מרדכי דוד בראנד-שטעטער, וואס האט מיטגעהאלפען און דער צייט פון פרץ סמאלענסקי'ן בויען די דעמאלדיגע העברעאישע ליטערא-טור. מיכאל בראנדשטעטער איז געבוי-רען און טארנאוו, בעקומען א ראציאנע-לע ערציהונג און דעמאלסדיגען גייסט נאכ'ן ענדיגען דאס טארנאווער גימנא-זיום האט בראנדשטעטער שטודירט און לאנד און און אויסלאנד גערמאנוסטיק און קלאסישע פילאלאגיע.

פון יאהר 1904, נאכ'ן ענדיגען זיינע שטודיום, קומט בראנדשטעטער אן אויף א רעגירונגס-פאסטען אלס לעהרער און אמאליגען עסטרייכישען גאליציען און א לעמבערגער גימנאזיע. דא פערנעמט ער באלד אנ'אנגעזעהן ארט צווישען די דארטיגע פעדאגאגען, ארבייט מיט און רעדאגירט פעדאגאגישע צייטשריפ-טען און גיט ארוים פערשידענע ארבייט-טען אויפ'ן געביט פון דייטשער ליטע-ראַרישער קריטיק.

צווישען אנדערע האט בראנדשטעטער אויך ארויסגעגעבען א גרויס פויליש-דייטש ווערטערבוך.

און יאהר 1918, נאכ'ן לעמבערגער פאגראם, גרינדעט דיר. בראנדשטעטער דאס ערשטע יודישע גימנאזיום און לעמבערג, וואס איז גלייכצייטיג געווען דאס ערשטע יודישע גימנאזיום און גאנץ גאליציען. פון דאן אן דערנענ-טערט זיך בראנדשטעטער צו די פראב-לעמען פון ספעציפישען יודישען שול-וועזען און ווערט איינער פון די בעגרינ-דער פון די נאציאנאלע יסודות און דער יודישער ערציהונג און איינער פון די פאפולערסטע יודישע עסקנים און לעמ-בערג. דא זעצט ער פארט זיין ארביט ביז צום יאהר 1921, ווען בראנדשטעט-טער ווערט ארויסגערופען אלס דירעק-טאר קיין לאדז, וואו ער פיהרט אן מיט דעם צווייטען יודישען מעגער-גימנאזיום ביז'ן יאהר 1923, ווען, נאכ'ן פלוצלונ-גען טויט פון פריהערדיגען דירעקטאר פון יודישען פרויען-גימנאזיום. פראפע-סאר זיגמונד בראמבערג-בומקאווסקי, קומט בראנדשטעטער אן אלס לייטער פון דער אויבענדערמאנטער ווכטיגער ערציהונגס-אינסטיטוציע, און וועלכער ער ארבייט צום רוהם פון דער שולע און דער יודישער ערציהונג.

זיינע פערדינסטען פאר דער אויבענ-דערמאנטער שולע זענען זעהר גרויס. אונטער זיין לייטונג ווערט קודם כל סטא-בליזירט דאס העברעאישע פראגראם פון דער שולע און דאס גימנאזיום בעק-קומט פולע רעגירונגס-רעכט מיט איי-גענע מאטורא-קאמיסיע'ס מיט דעם ד.ר. אליין אלס פארזיצענדער. אויסער דעם האט די שולע דאס רעכט אן פצו.עטען לעהרער-אפליקאנטען נאכ'ן ענדיגען פון זייער פעדאגאגישען שטודיום.

ה' מיכאל בראנדשטעטער, דער לעה-רער-דירעקטאר, איז א זעלטענע ערשיי-נונג און אונזער ערציהונגס-וועלט: זייענדיג שטענדיג פעסט אריענטירט און ענטשלאסען און דער לעזונג פון פערשטענדיגע ערציהונגס-פראבלעמען, ווייס ער דאך מיט הארץ זיך צו צוהע-רען צו די מיינונגען פון זיינע קאלעגע-מיטארבייטער און איז שטענדיג גרייט זיך צו לאזען איבערצייגען פון זייערע, אויב נאר לאגישע אויספיהרונגען... דאס איז די כבוד, פאראוואס נישט קוקענדיג אויף זיין שטרענגקייט און רוקווילטלא-זונגקייט, האט ער דעם פולסטען צוטרוי און גרעסטען כבוד צי זיך ערווארבען.

איינס פון זיינע לאזונגען איז: לערי-נען איז ארבייט, און ער אליין איז דער בעסטער ביישפיל דערפאר. זיין פערוואל-טונגס-ארט, שפאציר-ארט און וואוינונגס ארט איז די שולע.

אויך איז געזעלשאפטליכען לעבען נעמט דיר. בראנדשטעטער א חשובה'דיגען אנטייל אזוי, זייט אוהר גרינדונג, פרע-זעס פון דער געזעלשאפט פון פריינד פון דער ירושלים'ער אוניווערזיטעט.

מיר ווינשען דעם געעהרטען יובילאר לאנגע יאהרען פון פראדוקטיווער אר-בייט לטובת אונזער יוגענד און דער צו-קונפט פון אונזער פאלק.

גר.

ווען איהר געהט איבער די גאס,
רוסט מיט אפענע אויגען; איהר קענט בלייבען
אנ'אייביגער קאליקע, אדער גאר געפינען דעם טויט.
היט זיך, מען זאל אייך נישט איבערפאהרען!

ווילט איהר !!! זיך אסעקורירען אויף לעבען,
פייער, גנבה, זעהר גוטע בע-
קוועמע פאר אייך בעדינגונגען
קלינגט תיכף אן טעלעפאן № 12-50
אין דער פערזיכערונגס-ביורא
פון מרדכי חיים רומקאווסקי קילינסקיעגא — 105 —
ווי איהר וועט זאפארט בעזוכט ווערען, רעיעל און פינקטליך בעהאנדעלט ווערען.
פערזוימט נישט !!!
טיכטיגע אגענטען קאנען זיך מעלדען.

50 יאהר יודיש טעאטער

זכרונות

פון א. קאמפאניעץ

דער קאזיאנער רעבינער און די צייטי, ווען די „לבאנע האט געשיינט אין פאנעם"

די צייט איז געגאנגען און צוזאמען מיט איהר זענען צוגעקומען נייע דורות. דעם יודישען אקטיאר איז סוף כל סוף נמאס געווארען די פערשידענע קונץ-שטיק מיט'ן רוסק: „ניעמיעצקי מעא-טער, נאטשאלסטווא האט זיך שוין דע-רוף געקענט און זיך שוין מעהר נים נעלאזט נארען און די גוים האט אונז געצוואונגען צו זוכען נייע מ.טלען, ווי אזוי צו נעמען די נאטשאלסטווא אויפ'ן ווייבער און אט ביין איך צופעליג גע-וואויר געווארען, אז אין סאמע ראדיע פעטערבורג זוצט א דייטשער צענזאר, וואס איז ממונה אויף אלע אויסגאבען און דער דייטשער שפראך, מיר איז ראן איינגעפאלען א גליקליכער געדאנק. ב'וועל זיך אראפכאפען צו דעם ראזינגען אדון אוהם דערלאנגען א פאר דייטשע פיעסען פון יודישען לעבען, אפשר וועט ער מיר זיי צענזורירען. קומענדיג קיין פעטערבורג, בין איך אריין צו דעם הער צענזאר. איהם געוויזען די פיעסען. שע-נער האט אנגעקוקט די בלעטערען שפאצי-לען, א קוק געטאן אויף מיר פון דער זייט מיט חשד, אבער ער האט זיי מיר צענזורירט.

פון דעמאלט אן האט זיך פאר אונז יודישע אקטיארען אנגעהויבען א נייעס לעבען מיט א נייע בונטעל צרות. קודם כל האבען מיר א דאנק די ראזינג נע-כשר'טע פיעסען געקענט משנה שם זיין אונזער טרופע און אנשטאט רוסקי-ניעמיעצקי האבען מיר שוין אוצט גע-האט דעם נאמען ניעמיעצקי-יעווריעסקי. די דערלויבניש צו שפילען איז אוצט שוין אנגעקומען פיל לייכטער. ווען רו-סישע לידלעך האבען מיר שוין נישט בע-דארפט אריינהאקען און מוטען שולמית און קונג-לעמעל האט פלוצלונג נישט בעדארפט פערוואנדעלט ווערען און א רוסישען וואנקא מיט א העמד אנשטאט א טלית-קטן אונטער די הויזען.

נאטשאלסטווא האט אבער אויך אוצט געהאט אויף אונז אנ'אויג. עס איז איהר געגאנגען און לעבען צו ווייסען צו מיר נארען זי חלילה נישט אפ און צו מיר שפילען אויף דייטש. די ממונים דע-רויף איז געווען דער יודישער לעהרער פון דער קאזיאנער שול אדער קאזיאנער ראבינער, זיי האבען עס ווייסט געוואלט אונז קוקען אויף די פנים'ער און זעהן צו מיר רעדען מיט די אמת'ע דייטשע פתח'ן. דער קאזיאנער ראבינער און דער קאזיאנער לעהרער זענען געווען גאנץ טרייע משגיחים, אבער מיר הא-בען זיך שוין מיט זיי אנ'עצה געגעבען. דאס זענען געווען מענשען, וואס האבען אליין גע'חלש'ט צו הערען א יודישע ווארט און א יודישען קופלעט און זיי הא-בען אונז געגעבען אנצוהערען, אז מיר זאלען רעדען אויף דער בינע א כמו-דייטש, א לשון, וואס מען וויל איז עס יודיש, און אז מען וויל איז עס לשון-אשכנז, מיט לאנגע פתח'ן, אזוי ווי נאס האט געבעטען.

דערמיט האבען זיי געוואלט יוצא זיין אז פאר נאטשאלסטווא און אז פאר'ן אייגענעם פינטעלע יוד.

אט דעמאלט איז דאס געבוירען גע-ווארען אויף דער יודישער בוהנע דאס מיינערע תחינה-לשון, וואס האט יאהרען-לאנג אראפגעגנידערט פון די ברעטער פון יודישען טעאטער און בעקומען דעם נאמען קונעל-דייטש. פון דעמאלט הויבט זיך אן די סדרה, ווען יודישע אקטיארען צוברעכען די יודישע שפראך און הויבען זיך אן צו בענוצען מיט אזא תרגום-לשון, ווי די „לוואנע שיינט מיר און פאנום ארויין". און די „מארע איז די בעסטע סכארע", זאס האבען מיר געהאט צו פערדאנקען דעם דעמאלדי-גען קולטור-טרעגער אונ'ם יודישען שטע-טעל דער קאזיאנעם ראבינער און לעה-רער, וועלכע האבען אגב נישט געמיינט אזוי שלעכט.

פאר'ן יודישען אקטיאר האט זיך דא-אנגעהויבען א נייע לעבען. מיט דעם תרגום-שני פון יודיש-דייטשען טעאטער האבען מיר געהאט די מעגליכקייט צו בעקומען ראזרעשעניעס צו שפילען און די גרויסע שטעט און דער יודישער אק-טיאר האט אנגעהויבען צו פערדינען.

דאס יודישע טעאטער האט זיך אנ-געהויבען צוריק אויפבליהען. פיל אק-טיארען, וואס האבען זיך גאר דער טעא-טער-גזירה איבערגעווארפען צו אנדערע פאכען, זענען איצט צוריקגעקומען און עס האבען אנגעהויבען צו וואקסען טרו-פעס, ווי שוועמלעך נאך א רעגען. און אט האבען מיר און קיעוו דערוועל דער-הערט א בשורה, אז און דער גרויסער שטאט ווארשא, וואו ס'וואוינען קיין עין הרע נישט אזוי פיל יודען האט זיך אויך געגרינדעט א טרופע און מען הויבט דארט אן שפילען יודיש טעא-טער. דער גרינדער פון דער טרופע איז געווען א געוועזענע פרוי אלבינסקא מיט מיין אלטען „גוטען-פריינד אברהם פיש-זאהן. און דער טרופע האט זיך אויך געפונען די בראנינסקא און יעקב ספי-וואקאווסקי, הכלל פאר יודיש טעאטער איז אוצט געקומען א נייע צייט, נישט און יוד און שטרוימעל מיט ווייסע שיך און זאקען, האט צוגערוכט א יי-דיש, אז נאס זאל שומר ומציל זיין און נעקנאקט א דייטש, וואס אסור געווען און שולער וואלטען עס פערשטאנען. עס איז געווען די צייט, ווען די „פיאנטעס פון די זאקען האבען זיך צערוסען" און דער „באסאן איז געשטאנען אונטער דער באפע".

קלמן שולמאן און זיינע תלמידים

א קאפיטעל „בלעטער פון מיין לעבענס-בוך"

פון ראובן בריינין

איך האב דאן פערבראכט א פאר וואכען אין ווילנא און יעדען טאג פלעג איך זיך בעגעגענען מיט שולמאנ'ען, אדער איך פלעג איהם בעזוכען אדער ער פלעגט מיך בעזוכען. נישט קוקענדיג אויף דעם גרויסען אונטערשייד פון יאה-רען און פון אנזיכטען, האבען מיר זיך שטארק בעפריינדעט. האט איין מאל גע-טראפען, — אז האב איך פערשפעטיגט צו קומען, פלעגט מיר שולמאן צושיקען א בריוועלע, אז ער איז בעאומרוהיגט, אויב עס האט זיך נים וואס געטראפען מיט מיר, און אז ער גארט מיך צו זעהן און זיינע בריוועלעך פלעגט ער מיר שרייבען מיטלען אויף צוויי-דריי שורות. וואס בין איך נים געווען און זיינע אוי-גען? אנ'אויפגעהעדער מארגענשטערן, א גאט-פארשער (חוקר אלהי), א מש-כיל און א משולם בכל המעלות. איך פלעג פעריבטעמט ווערען לייענענדיג די הויכע און אומפערדינטע טיטלען. נים איינער פון די טיטלען און פון די ליוב-ווערטער, וואס דער אלטער און זעהר גוטמוטיגער שריפטשטעלער פלעגט מיר אן סמיילען מיט א ברייטער האנט, האט געפאסט צו מיר נישט דאן און נישט היינט.

די הויכע און איבערגעטריבענע טי-טולען (זעהר אפט משונה'דיגע און לע-כערליכע טיטולען) וואס די העברעאישע שרייבער פלעגען זיך איינער דעם אנ-דערן מכבד זיין, — דאס איז געווען איינע פון די קינדער-קראנקהייטען, וואס די נייע-העברעאישע ליטעראטור האט דאן דורכגעמאכט, א קראנקהייט, פון וועלכער זי האט זיך ביז אויף היינטיגען טאג נאך נים אויסגעהיילט אינגאנצען. עס איז א ירושה פון דער אלטער, רבני-שער ליטעראטור.

ווען איך פלעג קומען צו שולמאנ'ען, פלעג איך איהם אנטרעפען צו יעדער צייט זיצענדיג ביי דער שרייב-ארבייט, איינגעהויקערט און מיט אנגעשטרענג-טע האלב-אויסגעלאשענע אויגען.

זיין שלאף-צימער, א שמאלינקער, נידן-ריגער חדר'ל, איז געווען אויך זיין אר-בייטס- און שטודיר-צימער. א קליינער שאקלענדיגער שרייב-טישעל, וואס איז געשטאנען הארט ביים איינציגען פענס-טער פונ'ם צימערל, וואס האט ארויס-געקוקט טרויעריג צום בלאטיגען הויף און א הינקענדיגער הארטער שטול לע-בען פירעקיגען טישעל, — דאס איז גע-ווען דער ווערקשטאט פון דעם אלטען העברעאישען שריפטשטעלער, דער מייסד-געלעזענטער און יענער צייט. צוויי אלטע הולצערנע בעטלעך האבען פערנומען דעם איבריגען פלאץ אין שמאלען צימערל. די בוכער, מייסטען אויפגעבארגטע, וואס דער שרייבער האט געברויכט ביי דער ארבייט, האבען זיך ארומגעוואלגערט אויפ'ן בעטגעוואנט און אויף די בעטען. אין דעם האלב-פינ-סטערן און אומעטיגען צימערל מיט'ן אויסגעלעבט אי'ן שמוציגען און ארימען הויף, האט שולמאן צעהנדליגער יאהרען געשריבען מיט זיינע אויסגעדארטע פינ-גער זיינע ארגינעלע און זיינע איבער-זעצטע ווערק, און וועלכע עס ווערען גע-שילדערט אין א דיכטערישער און א בע-גייסטערטער שפראך די פערבענרייכע שענקייטען פון דער מזרח-נאטור און די פראכטפולע אלטע פאלאצען.

דער זקן שולמאן איז געווען א קוואל פון שטענדיגער בעגייסטערונג און פון ארבייטסלוסט. ער האט קיינמאל נים געברויכט קיין רוהע-מינוטעל, קיין טאבאק קיין אלקאהאלישע געטראנקען א. ד. גל. ער איז לעבענסלאנג געווען יוגענטליך פערליבט אין דער צארטקייט, זיסקייט און דערהויבענקייט פון דער ביבלישער שפראך, און דאס איז געווען דער איינ-ציגער קוואל פון וועלכען ער האט גע-שעפט זיין בעגייסטערונג און זיין ערנסט אין דער ארבייט, טראץ זיין הארטען, ארימען און איינזאמען לעבען.

איך בין דאן געשטאנען מיט'ן פנים צו דער געגענווארט. אלס איינער פונ'ם נייעם דור, פערכאפט פון די נייע גיי-סטיגע שטראמונגען מיט'ן בליק אויף דער צוקונפט. שולמאן איז געשטאנען מיט'ן פנים צו דער נאהענטער פערגאנ-גענהייט, איינגעבויגען אונטער דער לאסט פון דער גייסטיגער ירושה, וואס ער האט איבערגענומען פון די ערשטע משכילים, מיטן בליק געווענדעט צו דער גרויער, טויזענד יעהריגער פערגאנגענ-הייט.

מיין פערליבטקייט אין דער ביבלי-שער שפראך, מיין בעגייסטערונג מיט'ן פאטאס פון אונזערע אלטע נביאים, דאס האט געווארפען א ברוק צווישען די צוויי ווייטע וועלטען, צווישען מיר און שולמאנ'ען.

* * *

עס איז אן סגנפאלען מיין בעזוך אין ווילנא א יאהר אדער אנדערטהאל-בען נאך דעם טויט פון אד"ם הכהן. נאך ביים לעבען איז דער משורר געווען, אין די קרייזען פון די משכילים, א האלב-לעגענדארע פערזאן. מען פלעגט דער-צעהלען מעשיות אהן א סוף וועגען זיין אפיקורסות, וועגען זיין קבדנות. און וועגען זיין בוזמען קאמף געגען די צבייע יאקעס און פאר דער השכלה, „די מאל מער פונ'ם הומעל". דיוחסידים פלעג-גען דערצעהלען מופתים און גוזמאות וועגען זייערע רביים. די משכילים פלעג-גען דערצעהלען וואונדער און גוזמאות, אויף זייער אופן, וועגען זייערע רבים.

עס האבען דאן נאך געלעבט אין ווילנא טויזענדער מענשען, וואס האבען פערזענליך געקענט דעם גרויסען דיכ-טער און גרויסען מדקדק, צווישען זיי אויך זיינע נאהענטע חברים, זיינע תלמידים פון דער ראבינער שול, ווי אויך מענשען וואס האבען געהאט מיט איהם צו טון טאג-טעגליך. און דאך האט קיינער פון זיי נים געקענט שיל-דערן א לעבעדיגע בילד פונ'ם פערשטאר-בענעם מערקווירדיגען און אלע הנזיי-טען מערקווירדיגען זקן.

דאס וואס די מקורבים פון אד"ם הכהן האבען מיר דערצעהלט וועגען איהם אלס מענש, האט געטראגען אויף זיך דעם כאראקטער פון מעשיה, פון לעגענדעס, און אנעקדאטען, אבער נים קיין איינציגער כאראקטעריסטישער שטריך פונ'ם דיכטער'ס ווירקליכען לע-בען און וועזען.

אד"ם הכהן איז געווען די מארקאנ-טעסטע פיגור און די שטארקסטע פער-זענליכקייט צווישען די ערשטע קעמ-פער פאר דער השכלה, וואס זענען גע-ווען בעאיינפלוסט פון משה מענדעלזאהן און זיינע תלמידים. אד"ם הכהן איז גע-ווען דער גרעסטער העברעאישער דיכ-טער פון זיין צייט, אויבערהויפט פאר די לעצטע יאהרהונדערטער. זיינע געדיכ-טען: „החמלה" (מיטלייד), „הדעת והמות" (דאס וויסען און דער טויט) און „המתאונן" (דער פעסימיסט) זע-נען געווען פאעטישע פערל פול מיט אי-נווערסאל מענשליכע געדאנקען, וואס האבען געדארפט פערנעמען א חשוב'ען פלאץ אין דער פאעטישער וועלט-לי-טעראטור.

נישט קוקענדיג אויף דעם, האט קיי-נער פון די צייט-גענאסען פונ'ם דיכטער אפילו זיינע תלמידים און זיינע גרעס-טע אנהענגער, נים פערעפענטליכט גאר נישט, וואס האט ערנסט וועלכע ביאגרא-פישע בעדייטונג, נים בשעת זיין לאנגען לעבען און נים גלייך נאך זיין טויט. נאך מעהר: קיינער פון די העברעאישע שריפטשטעלער און געלערנטע אין ווילי-נא האט נים געקענט אנגעבען, אפילו נים אונגעפעהר דעם געבורטס-יאהר פונ'ם דיכטער. ביז אויף היינטיגען טאג קען קיינער פון אונז בעשטימט נים זאגען ווי לאנג האט אד"ם הכהן געלעבט.

ד"ר ש. מאנדעלקערן, א תלמיד פונ'ם דיכטער, האט בעהויפטעט, אז ער האט געלעבט פינף און אכציג יאהר; אנדע-רע שרייבער, וואס זענען געשטאנען נא-הענט צום גרויסען זקן, בעהויפטען צוויי און ניינציג יאהר. אלזא, אויך די צאהל יאהרען, וואס אד"ם האט געלעבט זע-נען געווען איינגעוויקעלט אין א לעגען-דע, אין גוזמאות, וואס זענען זעהר כא-ראקטעריסטיש פאר יענער צייט.

אזוי ווי איך בין געווען אינערליך זעהר אינטערעסירט אין דער פער-זענליכקייט פון אד"ם הכהן (זיין פולער נאמען איז געווען אברהם דוב בן חיים הכהן לעבענזאהן) איז פאר מיר קלמן שולמאן געווען א לעבעדיגער ארכיוו פון מאטעריאלען און געשעהענישען בנוגע דעם דיכטער'ס לעבען און גייסטיגען שאפען.

דער צוקונפטיגער ביאגראף דאס איז מיר, ווי עס שיינט, אינערליך און אונ-בעוואוסט, בלא יודעים, געוואקסען פון מיין פריהערסטער יוגענד.

זינט איך בין געקומען צו מיין קול-טורעלען בעוואוסטזיין. און זינט איך האב אנגעהויבען לעזען אין פרעמדע שפראכען, האב איך זיך שטענדיג גאנץ בעזונדערס אינטערעסירט מיט דער ביאגראפישער, אוטאביאגראפישער און מיט דער מעמואַרען-ליטעראטור.

א ביאגראפיע, א לעבענס - בעשריי-בונג, וואס פערדינט ווירקליך דעם נא-מען, איז אין מיינע אויגען שטענדיג געווען א סינטעז, א פעראייני-גונג פון דער העכערער קונסט און די סענשאפט, פון פסיכאלאגישען אנאליז, קולטור-געשיכטע און סאציאלער פילא-זאפיע.

שוין אין מיין פריהערסטער יוגענד, ווען איך האב זיך ענטשלאסען צו ווייד-מען מיין לעבען דער העברעאישער לי-טעראטור, האב איך שמערצליך בע-טראכט די מאמזאך, אז אין אונזער גאנצע אונגגאנצען דער מין פון ביאגראפיעס, אוטאביאגראפיעס און מעמואַרען.

עס איז דא צו בעמערקען, אז אין יענער צייט, לערך מיט פופציג יאהר צוריק, פון וועלכער איך רעד דא, האט זיך נים געפונען קיין סימן פון א ווי-סער ענציקלאפעדיע, אדער פון א ביאג-ראפישען לעקסיקאן, און וואס פאר א שפראך עס זאל נים זיין (פון א ליטע-ראטור-געשיכטע, זעלבסטפערשטענדליך האט מען דאן איבערהויפט גאר נישט געקענט רעדען) פון וועלכע מ'האט גע-קענט שעפען די עלעמענטארע אינפאר-מאציעס בנוגע דעם לעבען און ליטעראַ-רישען שאפען פון א העברעאישען אדער יודישען שרייבער.

דער פאל מיט אד"ם הכהן האט אויף מיר, אויף מיינע ליטעראַרישע חלומות, געמאכט א שטארקען איינ-דרוק.

אין איינעם פון מיינע געשפרעכען מיט שולמאנ'ען האב איך איהם אפגע-הערציג ענטפלעקט מיין צער און מיין גרויס פערוואונדערונג, אז אין ווילנא, אין דער דאן אזוי גערופענער „ירושלים דליטא", א שטאט פון העברעאישען דיכטער, שריפטשטעלער און געלערנטע האט זיך נים געפונען איינער פון זיי וואס זאל געפונען פאר נויטיג צו נעמען אויף זיך די מיה אנצושרייבען א ביאג-ראפיע פון אד"ם הכהן, וועלכער האט געלעבט און געווירקט צוזאמען מיט זיי, אז נים איינער פון די נאהענטע חברים אדער תלמידים פונ'ם דיכטער און לעהרער האט געפונען די מיה ווערט צו זאמלען, לכל הפחות, מאטעריאל, נאטיצען, מאנוסקריפטען, דאקומענטען און ד. גל., וואס דאס האט געקענט מעג-ליך מאכען דעם קומענדען ביאגראף, ווען עס וועט זיך אמאל געפינען אזא, צו דערפילען זיין אויפגאבע ווי געהע-ריג. א ריכטיגע ביאגראפיע פון אד"ם הכהן, — דאס הייסט דאך א ווערטפול-לער ביישטייער צו אונזער קולטור-געשיכ-טע.

אין דאזיגען זין, ווען אויך נים מיט די זעלבע ווערטער, האב איך ארויסגע-רעדט מיין הארץ פאר דעם ניי-ערווארבענעם פריינד, דעם אלטען שרייבער מיט די האלב-אויסגעלאשענע אויגען.

איך האב פערענדיגט מיין „השתפכות הנפש" מיט דער דירעקטער פראגע: ווארום זאל ער, שולמאן, אליין נים שרייבען די ביאגראפיע פון אד"ם, מיט וועלכען ער איז געווען אינטים בעפריינד און אזוי נאהענט געשטאנען צו איהם?

שולמאן האט מיך שטילשווייגענד אויסגעהערט און געענטפערט מיט א מילדען זיפץ, שאקלענדיג דעם דארען קאפ:

— יא, עס איז אנ'אויפגאבע נים נאך מיינע כחות. אויך אין די יונגע יאהרען איז די ביאגראפיע נים מיין פאך גע-

(ענדע-זייט 11)

אמיליאן דאלאר

שפאנענדער ראמאן פון היינטיגער צייט

(17-טע פארטזעצונג)

פערשידענע געדאנקען, וואס האבען זיך געדרייהט ארום איין און דעם זעלבען געגענשטאנד, האבען איהם נישט געלאזט איינשלאפען. ווען דער שלאף האט איהם ענדליך געפאקט, האט ער געהאט א מאדנעם חלום. ער האט זיך גע-פינען אין א גרויסען זאל. אין איין וואנט זענען געווען צוויי גרויסע לענגליכע פענסטער. צווישען ביידע פענסטער איז געשטאנען א סאטעל, אויף וועלכען ער איז איינגעשלאפען. פלוצלינג האט זיך בעוויזען פאר איהם דאס פיינדליכע גע-שטאלט פון אומגעקאנטען, עלטערן מאנספערשוין. מען האט בלויז געזעהן זיין קאפ, ווייל דער גאנצער קערפער זיינער האט זיך צוגויפגעגאסען מיט דער פינסטער-ניש ארום, זיין פנים האט זיך געפינען צווישען א גרין-ווייס ליכט, וואס האט גע-שטראהלט אין דער פינסטערניש פון צימער. מאקסים איז געזעסען געגען איבער דעם אלטען, האלטענדיג אין דער האנד דעם רעוואלווער, מיט א פינגער לעבען צינגעל. דער אלטער האט געקוקט אויף איהם מיט א גרויזאמען, שרעקליכען בליק. א דערשרעקענער האט מאקסים אויפגעהויבען דעם רעוואלווער אלץ העכער ביז ער איז געצוואונגען געווען, כאטש ער האט זיך מיט אלע כחות געוועהרט געגען דעם, צו שטעלען דאס רעהרעל פון רעוואלווער צום שטערען. אין דער זעלבער סעק-קונדע האט איהם ארומגענומען א פאנישער שרעק, ווייל ער האט געוואוסט, אז עס באלד- באלד וועט ער מוזען א דריק-טון...

ער האט זיך אויפגעוועקט בעגאסען מיט א קאלטען שווייס, ער האט אנגע-צינדען א זאפאלקע, און דערקענט די זאכען אין צימער. נישט געקוקט דערויף, וואס ער איז שוין נישט געשלאפען, האט ער נאך געזעהן שוועבען אין דער פינס-טערניש דאס שרעקליכע געשטאלט פון דעם אלטען. עס האט נאך געדויערט עטלי-כע רגעס ביז ס'געשטאלט איז פערשוואונדען.

ביז איצט האט ער נאך קיינמאל נישט געהאט א זעלכע מאדנע חלומות, כאטש ער האט נישט איבערגעלעבט אזא רוהיג לעבען. ער איז אפילו איינמאל גע-צוואונגען געווארען צו דועלירען זיך און, ווי ער האט גוט געדענקט, האט ער דע-מאלט ביינאכט נישט געהאט קיין שום שלעכטע, בעאומרוהיגענדע חלומות. בכלל האט ער זיך קיינמאל נישט גענומען צום הארצען וועלכע עס איז חלומות.

ער האט זיך צעלאכט. עס האט איהם געוויילט פארשטעלענדיג זיך, ווי פערוואונדערט דער אלטער וועט ווערען, ווען ער וועט זיך ווייזען פאר איהם.

— גוטען אווענד, גנעדיגער הער! — וועט ער איהם זאגען, — איך האב זיך געשטעלט, ווי איהר זעהט, צו דער בעשטימטער שעה... איהר וועט מוחל זיין, וואס איך האב זיך אזוי געאיילט... מיר קענען, אויב איהר ווילט, די איבעריגע בליבענע פאר מינוט, וואס זענען מיר נאך געבליבען צום לעבען, פערברענגען מיט כאפען א שמועס'ל. אויסערדעם בין איך גרייט צו בעגעהן א האלבע שעה פריהער די טאט, וואס איך האב זיך פערפליכטעט אויסצופיהרען. אבער, מיין הער, איך וועל עס פריהער נישט טון ביז איהר וועט מיר נישט ערקלערען די סיבות וואס האבען אייך געבראכט צו שליסען מיט מיר מיט א יאהר צוריק אזא אפמאך. אויך טייל איך אייך מיט, אז פון דער סומע, וואס איהר האט מיר געגעבען מיט א יאהר צוריק, איז מיר נישט געבליבען אזוי פיל, אז איך זאל קענען בעצאהלען פאר דעם האטעל-צימער, אין וועלכען מיר געפינען זיך איצט. איך בין זיך נישט טועה אויב איך מיין, אז איהר, דער איינארדנער פון דער גאנצער קאמעדיע, וועט אייך בעצאהלען פאר דעם האטעל-צימער. נישט אמת, מיין הער?

מאקסים האט שוין נישט געקענט נאכאמאל איינשלאפען. ער איז פולשטענ-דיג ארויס פון שלאף אזוי אז אינדערפריה האט ער געפאדערט, פריהער ווי געוועהנליך, צו ברענגען איהם די צייטונג.

אדורכבלעטערנדיג דאס בלאט, האט ער בעמערקט אנ'ארטיקעל וועגען א וויכטיגער ערפינדונג אין דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דער דאזיגער ארטיקעל האט איהם פעראינטערעסירט. ער האט גענומען אויפמערקזאם לייענען און זיך דערוואוסט, אז עס האנדעלט זיך דא וועגען גייעם איינשלעפערונגס-מיטעל, וואס איז ערפינדען געווארען דורך איינעם א יונגען שוועד, וואס וואוינט אין פא-ריז, און וואס גיט גרויסע האפנונגען, ווייל די ביז-איצטיגע פרובען האבען געגע-בען די בעסטע רעזולטאטען.

דעם זעלבען אינדערפריה האט ער דערהאלטען פאלגענדען בריף:

חשוב'ער הער!

„שנעלער, ווי איך האב געהאפט, קען איך מיטטיילען דעם חשוב'ן הער, אז אייער איידעלע הילף האט מיר געבראכט גליק. א דאנק אייער געלט-אונטער-שטיצונג איז מיר געלונגען אין איינציגע טעג צו דערגרייכען דאס, וואס איך וואלט אויף מיין וועג, אהן אייער הילף, געקענט אויספיהרן נאך לאנגע יאהרען. א גרויסער טייל פון דער פאריזער מעדיצינישער וועלט קען שוין מיין מיטעל, האט שוין געהאט די מעגליכקייטען אויסצופרובען איהם און פעסטשטעלען זיין גינסטיגע ווירקונג, אזוי אז איך קען מיט צופרידענהייט זאגען, דאס מיין ציל האב איך דערגרייכט. א גרויסע בעדייטונג וועט אפשר פאר אייך האבען די ידיעה, אז א חוץ א מאראלישען ערפאלג האט אויך מיין ערפינדונג א מאטעריעלען ערפאלג. א געוויסעס פינאנץ-קאנסארציום האט בדעה אויפצובויען א פאבריק, כדי מאסענווייז צו פראדוצירען מיין ערפינדונג. בקרוב וועלען איינגעטיילט ווערען די אקציעס. עס פערשטעהט זיך, אז איך וועל טון אלץ, כדי אייער פערזאן ארויסצורוקען אויף איינעם פון די ערשטע ערטער אלס אקציאנער פון דער אונטערנעמונג, זעלבסטפערשטענדליך, אויב איהר וועט האבען חשק דערצו. איך בעט זעהר, איהר זאלט מיר שרייבען דערוועגען, ווייל איך וויל מיטטיילען וועגען אייך די גרינדער פון דער אונטערנעמונג.

איך נוץ אויס די געלעגענהייט, כדי אייך נאכאמאל אויסצודריקען מיין דאנק און מיין טיפע אכטונג.

אייער איבערגעגעבענער טהארסט האלען.

(פארטזעצונג קומט).

„שלעכטע" און „גוטע" מידות ביי קינדער

(שמועסען וועגען ערציהונג)

מוזיק ביי קינדער.—פראפ. מעטשניקאוו וועגען די בכורים און די איבריגע קינדער.—
וואס רופען מיר אן „גוט-ערצויגענע" קינדער.—נאך וועגען קינדער-שפילען.

(ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט")

פון י. מ. פאזנאנסקי.

ס'איז מערקווירדיג, דאך איז א פאקט אז גראד די נאהענטסטע מענשען, די וואס האבען דאכט זיך מעהר פון אנ-דערע די מעגליכקייט צו אפסערווירען דאס אינערליכע לעבען פונ'ם קינד, שטי-רען זיין כאראקטער און ווייסען, וואו-הין עס ציהט דאס הארץ פון קינד, שטעלען זיך אפט ארויס אלס די ווייט-סטע. גראד זיי פערשטעהען נישט די נשמה פונ'ם קינד, וועלכעס ווערט אפט געצויגען און געטריבען פון אלגעמיינעם דראנג, וועלען זיך לאזען אויבער דעם זיין בעשערטען וועג — און דאן מאכט מען דאס קינד אלע ארט שטערונגען און מניעות. צוליב דעם געהט דאס קינד זעהר זעלטען אוועק אויף דעם אויפ'ן בע-שטימטען וועג.

דאס רוב זענען אזעלכע קינדער אויך ווייער גאנץ לעבען קרבנות פון די קאפ-ריזען, אמביציעס, גייסטיגע אפגעשטאנ-גענקייט און אומפערשטענדניש פון די עלטערן. — א חוץ קורצזיכטיגקייט רעדט נאך אמאל און וועלכע טאלען די שטימע פון א פאטער-הארץ, וואס פילט אינסטינקטיוו די גרויסע ליבדע, ווייל דער וועג, אויף וועלכען דער איינגעבוי-רענער טאלאנט קלייבט זיך און מוז גע-העז, איז כמעט אלע מאל פול מיט ליי-דען, דערנער און אלע ארט מניעות. דער נאהענטער מענש שעצט נישט די „רוי-ווען פון דער אונשטערבליכקייט". עס שרעקען איהם אפ די ליידן, וואס לייד-די אלע אינערליכע קאנפליקטען, וואס בעגלייטען שטענדיג דאס לעבען פון גרויסע טאלאנטען. פון דאנען נעמט זיך דער נערווענער צווישען די קורצזיכטיגע אבער ליבענדע עלטערן צו זייערע אי-בערוועהלטע קינדער. זיי ווילען שטענ-דיג מאכען פונ'ם קינד דאס, וואס ווייזט זיך זיי אויס פאר פראקטישער און בע-סער און רעכנען זיך נישט דערמיט, צו דאס קינד האט דערצו נטיה.

נישט ווייניג פאסירט, ווען דאס קינד ווייזט ארויס א בעזונדערן אינטערעס פאר מוזיק, דאס קינד רעכט זיך צו שפילען און די עלטערן האבען מורא, אז עס זאל חלילה נישט ווערען א כלי-זמר. זיי ווילען דוקא פון איהם מאכען א דאקטאר, אדער א סוחר — פערווע-רען זיי איהם זיך צו פערנעמען מיט מוזיק און וויסען נישט, וויפיל ליידען זיי פערשאפען דערמיט דעם קינד.

ס'טרעפט אויך, אז עלטערן ווילען מיט געוואלד מאכען פון זייער קינד א מוזיקאלישען זשעניע. מ'נעמט צו א מו-זיק-לעהרער, מ'פיינוגט דאס קינד מיט איבונגען און דאס קינד, נישט זייענדיג פון דער נאטור מוזיקאליש, פערשטעהט בשום אופן נישט, וואס מ'וויל פון איהם און עס איז שטענדיג א אנטזעה-ענער און ס'פערשטעהט זיך, אז פון דעם אלעם קומט גארנישט ארויס.

ס'איז דערנאך פערשטענדליך, אז ווען מיר ווילען דאס קינד ערציהען אלס גאנצעס, געזונדען מענשען מוזען מיר זיך אראפלאזען צו איהם און זיך צו-פאסען צו זיינע נייגונגען און פעהיגקיי-טען.

* * *

ס'איז אנ'אלטער כלל און דער הייל-וויסענשאפט, און דער פיזישער, ווי און דער גייסטיגער, אז מען דארף פריהער פערהיטען פון א קראנקהייט און נים וואר-טען צו היילען א פערהייגער. צוליב דעם, ווען מיר בעמערקען, וועל-כע ס'איז „שלעכטע", אדער „גוטע" מדות ביי דעם קינד, מוז מען בעסער שטעהן, אז נים קוקענדיג דער אויף, וואס פאר אונז ווערן אזעלכע ערשיינונגען ביים קינד בעמערקט פלוצלינג, אבער אין דער ווירקליכקייט איז קיין פלוצ-לינגדיגקייט אין מדות נוטע און שלעכ-טע נישט פאראן. אלע ארט מדות ענטוויקלען זיך שטופענווייז, לאנגזאם. זיי מאכען מיט א לענגערן שטארקען צוגרייטונג, פון דאקטער און רייף ווע-רען.

אויב די דאזיגע ערשיינונג, געמען מיר, למשל, לוגען-זאגען, ווען די וואס רעגלען ארום דאס קינד, בעמערקען דאס פלוצלינג, בעווייזט דאס נאר, אז די שולד ליגט אין די ערציהער, וועלכע זענען נישט געווען וואכזאם צו אב-סערווירען דעם גאנצען לאנגען ענטוויק-לונגס-וועג, וואס דאס קינד מאכט דורך איידער יענע מידה ווערט ביי איהם אנט-פלעקט.

ס'איז בעוואוסט, אז קינדער זענען די אונמענסטנעסטע און רוהרענדיגסטע צו-שען די מענשען. זיי קענען זיך נישט בין גרעניצען און אפשטעלען דעם דראנג און רוהרעוודיגסטע צווישען די מענשען זיי קענען זיך נישט בעהערשען אין אפשטעלען דעם דראנג און זייערע פרייען ווילען. ז'ער בעקאנטער פסיכאלאג שטערן ווייזט, למשל, אן, אז דאס קינד קען נישט פערשווייגען די איינציגע קלענסטע מאט. דאס קונד איז זיך אפגע-הערציג מודה און יעדע זאך, וואס עס מוט בשוגג אדער עקסטרא אפילו ווען דער ערוואקסענער פאדערט נישט ביים קינד קיין שום ערקלערונג.

צוליב דעם מאר מען נישט זוכען די שולד נאר ביי די קינדער, נאר פארשען די סבות דערפון, דאן וועט פיל לייכ-טער זיין אויסצוגעפינען די ריכטיגע מיטלען צו בעקעמפען די פערשידענע שלעכטע מדות ביי קינדער.

* * *

פראפ. מעטשניקאוו און זיינער א גרע-סערער אפהאנדלונג וועגען געניאלע מענשען ווייזט אן, אז צווישען די ערשט געבוירענע קינדער (ערשטלינגען) טרע-פען זיך זעלטען גענ עס. אין אלגעמיין, ערקלערט פראפ. מעטשניקאוו, זענען די ערשטלינגען שוואכער פון די אנדערע קינדער.

געניאלע מענשען וואקסען אויס על פי רוב פון די קינדער, וואס ווערען געבוי-רען נאכ'ן ערשטלינג. אזוי, למשל, ווייזט פראפ. מ. אן, אז די מוזיקאלישע גענייעס, ווי מאצארט און וואגנער, זענען געווען די זיבעטע קינדער ביי זייערע עלטערן, שאפען — דער פער-טער; פון די שריפטשטעלער איז באַ-רימטער געווען דער זיבעטער, שעקס-פיר, וואלטער און וויקטאר הוגא — די דריטע, טאלסטאי — דער פירטער, נאר דער געניאלסטער שריפטשטעלער געטע איז געווען א בכור (ערשטלינג).

דאנעבען ווייזט פראפ. מ. אן, אז די בכורים געבען א גרעסערע צאהל מוט-פאלען און צווישען זיי איז שטארקער פערשפרייט די צאהל פערברעכער.

* * *

וואס רופען מיר אן „גוט-ערצויגענע" קינדער? יעדער שעהנער מאניער ביי א קינד איז נאר דעמאלט ווירקליך שעהן, ווען ער איז א רעזולטאט פון א לאנג-זאמער ענטוויקלונג. אזא מאניער וועט בלייבען אונטער אלע נארמאלע אומ-שטענדען און וועט שטענדיג האבען א השפעה אויפ'ן לעבען פונ'ם קינד. ווען מיר ווילען וויסען, וואס פאר אנ'ערצי-הונג דאס קינד האט בעקומען, מוזען מיר נאר זעהן איהם אין קינדער-צימער. דארט קענען מיר פעסטשטעלען דעם כאראק-טער און די אומשטענדן פון דעם קינד'ס ערציהונג.

די ערנסטע בעוועגונגען און חכמות, מיט וועלכע קינדער זוכען אזוי אפט זיך אויסצופויינערן און אונזערע אויגען, זע-נען כמעט קיינמאל נישט קיין רעזול-טאט פון ערציהונג, נאר פון דרעסיר פון א דערוואקסענעם.

די גרעסטע צאהל פון אזוי גערופענע „גוט - ערצויגענע" קינדער זענען באמת אויסגעלערנטע. מ'קען, למשל, א קינד פון א יאהר אויסלערנען, אז ס'זאל מא-כען מיט'ן הענטעלע „פאפא" צו אלע מענשען. איהר קענט אבער בשום אופן נישט געבען אזא קינד צו פוהלען דעם מאראלישען ווערט פון מענשליכע בע-גריסונגען. ווען מ'וואלט געקענט דאס לערנען טון, וואלט דאס געהייסען „ער-ציהונג". דאס ערשטע איז אבער בלויז א „קונץ" פון האנד-בעוועגונג. אין דעם פאל דארף מען פערשטעהן, אז אין דער און אט דער בעגריסונג, איז נאר פאר-האן א ביסעל אמאטורונג פאר די ארו-מיגע דערוואקסענע, אבער נישט קיין ערציהונג פאר'ן קינד.

* * *

הערבערט ספענסער, וואס האט מיט זיין ענציקלאפעדישען שכל נישט דורכגעלאזען אויסצופארשען קיין שום בעדייטענדע ערשיינונג פון דער מענשליכער און לעבעדיגער נאטור, האט אויך גע-שאפען זיין טעאריע פון קינדער-שפיל.

לויט ספענסער'ס מיינונג איז די סבה פון שפילען ביי קינדער א איבערפלוס פון ענערגיע, וואס געפינט איהר אויס-גאנג אין דער אקטוויטעט, וואס פער-שאפט פערגעניגען, און בעוועגונגען און שפילט זיך". ספענסער'ס טעא-ריע איז אנגענומען געווארען דורך בערער מענשליכער נאטור. „דער מענש איז נאר א מענש דעמאלט, ווען ער שפילט ער שפילט זיך". ספענסער'ס טעאריע איז אנגענומען געווארען דורך פיל געלעהרטע, פעדאגאגען און פאר-שער פונ'ם קינדער-לעבען.

—0—

חוזק

הומאָר און סאַטירע —לכבוד שבועות—

צוזאַמענגעשטעלט — פון — אב—נעק.

אַמאָל און היינט

לאָדזער עפּיגראַמען

לאָדז אַמאָל איז אַ מאַנטשעסטער געווען
אַלע פֿערהאַוועט און פֿערמויּ,
יעצט אַ רעגירונג האָבען מיר אַ גוטע—
עהט די בורגער זאָלען רוהען.

—

אַ זר געווען איז אַמאָל
ס'טומאָ פֿון בלאָטע און שמוץ,
יעצט לאָדז האָט אַ פּנים
ווי אַ זילות און פּוץ.

—

אַמאָל אַ חבֿר האָט געזוכט
צו ביי דער כּלה מעלות זאָגען פֿאַראַן,
היינט איז אַלעס אַ נעבעך-זאַך —
דער עיקר איז דער נדן.

—

אַמאָל די ווייבער האָבען געזוכט
נאָר צו געפֿעלען די אייגענע מענער,
יעצט, דעם קלאַפּאַט האָט דער מאַן,
און דאָס ווייב — האָט יענער...

קנאפּז.

אין בית-דין-שטוב.

ר ב: פאַרוואָס געהט איהר זיך גט'ן מיט אייער מאַן?

פ ר ו י: ווייל ער איז נישט קיין קול-טורעלער מענש, ער האָט אַ געמיינעם כאַראַקטער. ער איז אַנ'אויסוואורף.

ר ב: וואָס האָט ער עס אַזוינס בע-לײדיגט?

פ ר ו י: ער איז אַוועקגעפאָהרען גע-שעפטליך אויף צוויי וואכען. און פלוצ-לינג איז ער אהיימגעקומען אומסגעריכט, און אפילו נישט אנגעקלאפט אין דער טיר צי מ'קען אריינגעהן אין שלאָפ-צימער.—ער האָט מיך קאָמפּראָמענטירט פאַר'ן סובלאָקאַטאָר—מיט אַזאַ אומדער-צויגענעם מאַן קען איך נישט וואוינען.

די פּעראַמטענע

מ אַ ד אַ ם (צו דער דינסט): וואָס וויינסטו, שטאַשאַ?

ד י נ ס ט: כ'האָב מיך היינט איבער-צייגט, אַז דער הער... דער הער...

מ אַ ד אַ ם: וואָס דער הער?

ד י נ ס ט: אַז דער הער איז אונז אומטריי.

אין דער אַרטיסטען-גאַרדעראָבע.

אַקטריסע: איך שפּיל אין דער פּיע-סע די באָבע, ווי אַזוי זאָל איך מיך גרימירען.

רעזשיסאָר: איהר דאַרפֿט אייך נישט גרימירען, אייער פּנים איז גלענצענד פֿאַר דער ראָל, איהר דאַרפֿט נאָר אַנטוּן אַ באָבעס קליידעל — דאָ קאַלאַנג.

קר.

צוליב דער פּויזנער אויסשטעלונג

קונה (אין אַ שוך-געשעפט): וואָס לאַקירען זענען שוין ווידער געשטיגען? וואָס איז דאָס אויס ס'ערע שטייגעניש אין טויטען דערינגען?

סוחר: דאָס איז צוליב דער פּויזנער אויסשטעלונג.

קונה: וואָסערע שייכות האָבען שיך צו דער פּויזנער אויסשטעלונג?

סוחר: איך פֿאָהר מיט מיין ווייב אויף דער אויסשטעלונג, ס'וועט מיך אָפּקאָס-טען שעהן געלד אַזאַ נסיעה, דערויבער האָב איך געמוזט שטייגען מיט די פּריי-זען.

פֿון אונזער ווערטער-ביכעל

נ ד ן — אַ מיטעל פֿאַר יונגוואַרג גוך אַלט צו ווערען. אַ זיין-פּלאַץ פֿאַר אָר.מע פּאַנגעס, אַ שלייער וואָס פֿערדעקט אַלע פֿעהלערן.

פּ אַ מ אַ ד ע — איין זאַך וואָס פֿרויען קענען נישט פֿערגעסען, ווייל ס'לוגנט זיי אייביג גוף די לובען.

ג ט — אַנ'עפּילאָג פֿון אַלע ליבע-ראָ-מאַנסען.

ת ו ז — אַ נאַר, וואָס חכמים לויפֿען הערען זיינע חכמות.

ר אַ ט ש ע — אַזאַ מעדיצין, פֿון וואָס דאָס ווייב בעקומט ס'לינג.ש, און דער מאַן — ס'לויפֿעניש.

ה ר י א ת — אַנ'אַרטיקעל, פֿאַר וועל-כען מ'צאָהלט טייזענד דאָלאַר פֿאַר איין וואָרט.

ס ט ו ד ע נ ט — הפקר פּעטרושקע.

סאָקראַטעס.

גליקליכע מענשען

ערשטער: נו, ווי געהט עס ד.ר. האָסט לאַטש שלום בית מיט דיין יונג ווייבעל?

צווייטער: מיר לעבען גליקליך.

ערשטער: און וואָס בעשטעהט אייער גליק?

צווייטער: איך האָב צוגענומען אַ יונגע שעהנע דינסט, און מיין ווייב האָט אריינגענומען אַ יונגען סובלאָקאַטאָר. אַז מיין ווייב געהט אַרויס בין איך גליק-ליך, און אַז איך געה אַרויס, איז מיין ווייב גליקליך...

ביי דער טרעפעריי

בידן יאָהר 1936 וועט איהר ליידען פֿון ערימקייט.

און שפּעטער?

שפּעטער וועט איהר זיך געוואוינען.

ווייבערישע רעדענסאַרטען

ווי געהען זי עפּעס, פּעסעלע דאָ אויף דער פּאָמאַרסקאַ גאַס?

ל'געה אין פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל מען זאָל נישט דאַרפֿען אהינקומען.

דאָרט זענען דאָ זעהר גוטע דאָקטוירים מ'זאָל זיי נישט קענען. זיי געבען אַזוי מעדיצינען, מ'זאָל נישט וויסען פֿון זיי.

ק—גער.

וואָר=קלאַנגען

פון גראַף קאַלי.

וואַנדערוועלדע

געהאַט האָט דער בונד גאָר אַ שרעקליכע וואָך
ס'וועט קיינער איהם טרייסטען נישט קענען,
דעם ה' וואַנדערוועלדע, דער מייערער גאַסט
ער איז ביי דעם בונד איצטער שרעקליך פֿערהאַסט
דער פּנים פֿאַר חרפּה מוז ברענען...

דער ה' וואַנדערוועלדע — דער וועלט-סאָציאַליסט
וועט רעדען פֿאַר ציון, דאָס איז דאָך נעפּערליך,
מען האָט זיך ביים גלות געבעטען... ערמלערט,
נאָר ער האָט דעם מייערן ראַט נישט געהערט
פֿון יאַנמעלע פּאַט אויז פֿון חבר פּאַו ערליך...

II

פּאַשאַף

מיר האָבען אין לאָדז איצט אַ יורישען העלד
אַ צווייטען הערקולעס, אַ שמשון הגבור
עס טומעלט, עס שטורעמט מיט איהם אויף דער וועלט
עס פּרייסעלט אַפּלעטען פֿאַר איהם ווי אין פֿיבער.

זיין נאָמען איז פּאַשאַף.. אַ בחור—ע ברענט
כאָטש ער איז אַ דיקער, אַ שטאַרקער, אַ הויכער
דאָך וואָלט ער נישט אויפֿהויבען איצטער געקענט
דעם לאָדזער געפּאַלענעם יורישען סוחר..

דאַטשע-בריוועלעך

בריוועל נומער 1

לאַכטיגער איטשע בער!

כ'ספּיעשע מיך דיר צו וויאַדאָמיען, אַז איך מיט די הברה זענען מיר שטשענשליווע אַנגעקומען אויף דער ליעטניסקע. אַלע טשאַיען מיר זיך דאָס-קאַנאַלע. די מיעסצאַוואָשטש איז דאָ אַ ביעטשנע. די זאָלסט זעהען אַלעיכען. די זאָלסט זעהען אַ ליאַס. סאַמע איגלעס און בזשאָזע. איין וואַדע האָט נאָר דער ליאַס, ס'איז אַ ביסעל טשעמנע. און אַזוי ווי איך בין אַ נערוואָזע בענלעכט מיך דער גאַיאָווע מיט דער ביקס — מיט דעם גאַיאָווע טשאַיע איך מיך פּעוונימ-שער... אונזער פּעלע און זאָשקע האָבן אויך שוין אַ דאַבראַנע טעוואַזשיסטוואַ— מאַראַווע כלאַפּצעס. איינער פֿון די כלאַפּצעס האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלי-מענט, אַז איך בין פּשיעמנעשער פֿון מיינע טעכטער.

נעכטען האָב איך מיך גאַפּאַליעט גאַ סלאָנצע. כ'בין געוואָרען בראָנזאָווע יאַק סמאַזשאָני קאָטלעט. אַלע זאָגען, אַז איך בין זעהר פּאַדאָבני צו פּאַלאַ נעגרי.

היינט פּאַרנאַכט געה איך ת'טאַנ-צעווען, פּעטראַזשניע טאַנטשיגאָסע זיך קאָמפּיען אין דער רזשעקע, דער גאַספּאַדאַזש'ס זוהן, אַ פּשיסטאָיניע שגץ וועט מיך לערנען שווימען. ער זאָגט, אַז וו'פּשעטשאַנגו איין לעקציע וועל איך קענען מאַכען אַ "נורעק" און אַנדערע וואָדני פּאַזיציעס.

מ'קריגט דאָ פֿון אַלעם גוטען. פֿון אַ פּאַרציע ליאַדי ביז אַ פּאַרציע ראַדיע, אָסרוטש אייער מיט מילך וואָס מ'זעהט דאָס זעהר זעלטען. נאָר אַז ס'איז דאָ ליאַדיס מיט ראַדיאָ אויף וועלכע טישאַנצע פּע-ות דאַרף מען די לאַבוזעס!...

בייגאַכט איז דאָ געווען אַ שטאַרק גזווישער, אַ דינער האָט אַריינגעקלאַפּט אין אַנ'אַלטען בוים און איהם צעשמע-טערט אויף שטיקלעך. דאָס נעמליכע פֿון דיר צו הערען.

דיין כמעט געטרייע פּרוי
פּיענקאַ רוזשאַ
(אינדערהיים: שיינע רייזעל).

איבערגעכאַפּט און איבערגעגעבען פֿאַר'ן "חוזק"
פון האָ נ י ג-פּ ו י נ ע ל.

פֿילאָזאָפֿיע

אונטערגעהערטע שמועסען אויף אַ באַנק אין פּראַים לאָזער'ס פּאַרק

פֿאַרוואָס האָבען מענשען זיך ליב צו דאָקטאָרען, און זיך נישט צו וואַשען? מ'דאַרף אויסרעדענען, וואָס ס'מאַכט אויס בולגער.

—

די ווייסט, ליבע איז אַ שלעכט שות-פות-געשעפֿט.

פֿאַרוואָס?

נאָר פּשוט: מ'ווייסט נישט ווער די שותפים זענען, דער פּראָצענט איז אַ קליינער, פֿערלוסטען זענען גרויסע, און אָפֿטמאָל נעהט דאָס געשעפֿט פּליטה.

אויף דער פּוּלנאַצנאַ גאַס

אַדורכגעהער שטעלט אָפּ אַ ייד אין גאַס.

ר' מנשה, וואָס איז דאָ די וואָלבאָר-סקאַ גאַס?

פֿון וואַנען ווייסט איהר, אַז איך הייס מנשה?

איך האָב שוין אַזאַ נאַז, וואָס דער-שמעקט באַלד.

אויב אַזוי טאַ דערשמעקט שוין וואו ס'איז די וואָלבאָרסקאַ גאַס.

אַ רייכע ירושה

וואָס זאָגסטו וועט בערל לאַטש קו-מען צו געלד?

אָהן שום ספק, ער האָט אַלע שאַנסען צו ווערען אַ גביר. ער האָט דאָך גענו-מען אַ ירושה פֿון פֿאָטער.

וואָסערע ירושה?

דעם פֿאָטער'ס נאַרישקייט, דאָס איז דער זיכערסטער וועג צו ווערען אַ גביר.

אייפערזוכט

דינסט (צו דער מאַדאַם): איך קען ווייטער דאָ נישט פֿערבלייבען, כ'דאַנק פֿאַר דער שטעל.

מאַדאַם: פֿאַרוואָס, אַגרושאַ?

דינסט: ווייל איך קען נישט צוזעהען ווי די מאַדאַם מאַכט דעם הער קאָמפּ-לימענטען אין מיין געגענוואַרט.

צווישען ווייבער

האָבען זיך שוין אַמאָל איבערגע-לעבט אַנ'אויטאָ-קאַטאַסטראָפֿע?

יאָ.

ווי אַזוי איז עס פֿאָרגעקומען?

פֿאַר אַ יאָהרען, ווען זי זענען געווען אין באַר, האָט מיך אהנ'ס מאַן פֿערבעט-טען אויף אַ נאַכט-שפּאַציר אין אַנ'אויטאָ — כ'בין קוים מיט'ן לעבען אַרויס.

די בעליידיגטע מאַשין-שרייבערין

מאַשין-שרייבערין (צום שעף): איך גלויב אייך נישט, ערשט מיט אַ שעה צוריק האָט איהר געזאָגט צו אייער פֿרוי: דו בוזט מיין וועלט.

שעף: ס'איז דאָך דאָ אַנ'אַלטע וועלט און אַ נייע וועלט...

הויכגעשטעלטע געסט

אויף מאַקס קאַנ'ס חתונה.

(פון אונזער ווארש. קארעספאנדענט)

צו מאַקס קאַנ'ס חתונה זענען געקו-מען די סאַמע שמיעטאַנע. דעפּוטאַטען, סענאַטאָרען, אַמבאַסאַדאָרען, פֿירשטען און גראַפֿען. צווישען אַנדערע דער גראַף קאַלי. דער גראַף איז געקומען גאָלאַ און אַ קאַנאַרקאַווע ווידזשווער אָנצו מיט אַ פּאָר פּונק נייע ווייסע פּעפּענעצ-לאַטשען. די גראַפֿען זענען איינגעלאַדען געוואָרען צו דער חתונה-טאַלצייט. גראַף קאַלי האָט געגעסען אַ משאסטע, פֿון וואָס ער האָט בעקומען בויך-שמערצען, צוליב דעם צופֿאַל, האָט דער גראַף פֿאַר לאָזט וואַרשאַ, און זיך בעזעצט אין זיין אַלטען שלאָס אונטער קאָנסטאַנטין, נאָכדעם ווי דער גראַף האָט אין זיין סביבה אָפּגעגעסען אַ הונוטיש נאַכט-עסען איז ער געקומען צו זיך. און ווי ער פֿערזיכערט, וועט ער שוין נישט פֿאָהרען אויף נגידישע חתונות.

אויף דער זומער-וואוינונג

ערשטע שכנ'טע (אויגם בענאַכט ווען דער פּאַטעפֿאָן האַלט אין איין גרומפּ-לען): אפשר וואָלטען זי מיר געוואָלט באָרגען אויהנ'ס פּאַרטעפּיאַן.

צווייטע: וואָס, יעצט אַזוי שפּעט ביי נאַכט ווילען די מאַנצען?

ערשטע: ניין, איך וויל שלאָפֿען.

קליינע אַנאָנסען

אַ יונגערמאַן

אָהן בעשעפֿטיגונג זוכט אַ פּאָסטען אַלס אידים אין אַנ'אָנשטענדיג הויז.

אַ יונגער דאָקטאָר

זוכט עהליכע מענער און פֿרויען, וועלכע זאָלען זיצען אין עמפּפֿאַנג-צימער אין די אויפֿנאַהם-שעה'ן.

אַ יונגע אַלמנה

וויל נאָך אַמאָל חתונה האָבען, מיט אַ מאַן וואָס זאָל האַלטען אַ מצבה מיט זעכציג צענטימעטער די הויך (דאָס איז די מאָס פֿון פֿערשטאָר-בענעם מאַנ'ס איבערגעבליבענער אַנצוג מיט צוויי פּאָר הויזען).

אַ גרויש

בענוג שטאַרק זוכט אַרבייט. ס'קען זיין די שווערסטע אַרבייט. אין ערגסטען פֿאַל אפילו חתונה האָבען מיט אַ ווייב וואָס האָט נאָך אַ מאַמע.

צו גאַסט ביי זעליג פּאַשאַף

דערצעהלט פֿון אַ נייגעריגען זשורנאַליסט — פון י. אַבערזשאַנעק.

אַזוי האָט געוואָלט דער רעדאַק-טאָר. נאָר איך זאָל געהן אויף אַנ'אינ-טערוויאו צו זעליג פּאַשאַף. נישט קיין אַנדערער ווי איך. איך בין, זאָגט דער רעדאַקטאָר, דער העלד פֿון דער רע-דאַקציע, צו אַזאַ מחבל דאַרף געהן אַ "פּאַדסטאַווני" מאַנספּערשוין, האָט ער מיך אויסגעקליבען פֿאַר דעם פּאַדסטאַווני מאַנספּערשוין...

און אַז דער רעדאַקטאָר ווייסט העלפֿט נישט קיין חכמות. האָב איך גע-נומען די פֿיס אונטער'ן אָרעם און הלוך משה מרדכי צו זעליג פּאַשאַף.

אַז איך בין געקומען אויף די טרעפּ פֿון האָטעל, וואו ס'וואוינט פּאַשאַף, האָט מיר גענומען האַקען אַ צאָהן אין אַ צאָהן. כ'האָב געציטערט ווי אַ פֿיש. עס האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט שרעקלי-כע זאַכען. מאַלע וואָס אַזאַ פּאַשאַף קען איינפֿאַלען. אַ מענש וואָס וואַרפֿט די גרעסטע גבורים קען דאָך מיך איינשלינגען ווי אַ שפּראָט.

נאָר פֿערפֿאַלען. ווי זאָגט אַ רוסיש ווערטעלע: "סלאָזשבאַ ניע דרוזשבאַ", "ראַזקאַז" איז דוחה שבת מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך צוגעקומען צו פּאַ-שאַף'ס טיר. ס'האַרץ האָט מיר גע-קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן, אַז איך האָב גע-נומען די קלאַמקע אין דער האַנט אַריין, האָב איך מיך בערוהיגט: ווייס איך וואָס, האָב איך מיר איבערגעלעגט, וואָס צוטער איך? פֿאַר וואָס שרעק איך מיך איינגענטליך? — פֿאַר אַ יודישען בחור, פֿאַר אַ בחור מיט דעם מורא'דיגען נאָ-מען זעליג? זיי נישט קיין שוטה, האָב איך מיר געטראַכט, און גיב דעם בחור זעליג אַ ברייטען שלום עליכם.

מיט די געדאַנקען האָב איך געעפֿענט די טיר, און וואָס האָב איך געזעהען? שוין איינמאָל אַ זעליג! אַז איך האָב דערזעהען דאָס "זעליגעל". וואָס איז גע-זעסען אויף דריי בענקלעך, אַז איך האָב אַ קוק געגעבען אויף זעליג.ס "מאַ-לעי", האָט מיר לא עליכם גענומען שווינדלען פֿאַר די אויגען. אַז איך האָב דערזעהען זעליג'ס תפילין-הענטעל, וואָס פֿון דעם איינעם "הענטעל" וואָלט מען געקענט בריות אויסשניידען דריי אַזעל-כע "פּאַדסטאַווני" זשורנאַליסטען ווי איך און ס'זאָל נאָך בלייבען אַ צולאַג אויך. אַז איך האָב געזעהן די צוויי "משאַרלסטאָן-פֿוסלעך". וואָס פֿון יעדען פּרוט ציטערן די שויבען, און דאָס מעבעל און צימער טאַנצט ווי ביי אַנ'-ערד-ציטערניש. אַז איך האָב אַנגעקוקט דאָס זעליג'ל בין איך בענאַכטען געוואָרען מיט אַ קאַלטען שווייס.

מיט וועמען, האָב איך די עהרע? איז מיר אַנטקעגענגעגאַנגען דער בעליי-טער און בעקאַרגמער זעליג. אָבער ווער קען ענטפֿערן, ווער? אַז איך האָב גע-זעהען ווי זעליג דערנעהנטערט זיך צו מיר, איז מיר אָפּגענומען געוואָרען דאָס לשון.

איך... איך... איך... האָב איך גענו-מען שטאַמלען, און דאָס האַרץ האָט גע-קלאַפּט ווי אַ באַראַבאַן. איך... איך... בין... איך בין פֿון דער צייטונג.

אַהאַ, האָט אונזער "זעליגעל" גוט-מוטיג זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. איר ווילט מיט מיר האָבען אַ געשפּרעך פֿאַר אייער צייטונג? — רעכט געהן, און ביי די ווערטער האָט ער מיר אויסגעשטרעקט זיין "הענטעל" זיך צו בעגריסען מיט מיר.

זייט מוחל, האָב איך ווידער גענומען שטאַמלען... הע... ענטשולדיגט... מיר.. מיר, פֿערשטעהט איהר מיר, בעגריסען זיך אָהן הענט. ס'איז שוין ביי אונז זשורנאַליסטען אַזאַ מנהג, זיך צו בעגרי-סען אָהן הענט. ס'איז, זאָג איך, ביי אונז אין לאָדז אַ גרופּע, גלייבער אָהן הענט. יאָ, יאָ, פּאָלגט מיך, פּאַניע פּאַ-שאַף.

זעהר גוט, זאָל זיין אָהן הענט, האָט ער מיר גוט-ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אויף די פּלייצעס. וויסטער וואָס ס'איז געווען, געדענק איך נישט, מחמת' האָט מיר פֿון זעליג'ס "גלעט" איבער די פּלייצעס גענומען פּליהען שוואַרצע רע-דער פֿאַר די אויגען. איך האָב געפֿילט, אַז אויב איך זאָל בעקומען נאָך אַזעל-כע צוויי, דריי "געהאַקטע בענקעס" וועל איך שוין פֿערשפּאָרען מיט איהם צו האָבען דעם אינטערוויאו.

איהר ווייסט, האָב איך איהם געזאָגט אַז איך שפּיר אייער הענטעל אויף מיינע פּלייצעס. דאָס האָב איך איהם מיט אַ כיון געזאָגט, כּדי ער זאָל אויס-מיידען אַזעלכע גוט-ברודערישע קלעפּ-לער. פֿון איין זייט האָב איך געהאַט עגמת נפש, וואָס איך בין געגאַנגען אויף דעם אינטערוויאו, און פֿון דער צווייטער זייט, האָט מיר הנאה געטון, וואָס ס'געפֿינען זיך יודישע בחורים מיט אַזעלכע ידיים. ווען מיר וואָלטען געהאַט אַ סך אַזעלכע זעליג'ס. אפשר וואָלטען אונזערע לעמבערגער, "קולטור-טרעגער" נישט געהאַט אַזוי פֿיל חוצפּה...

אַלזאָ, נעמט ער צורוקען זיין שטוהל צו מיינעם, ער האָט זיך צוגערוקט, און איך האָב מיך אָפּגערוקט. וואָרום נישט וואָלענדיג קען ער מיר ווידער דערלאַנ-גען אַזאַ "גלעט", און נאָך אַ גלעט פֿון זעליג'ן וואָלט איך נישט איבערגעהאַל-טען.

אַז איך האָב געזעהן זעליג'ן אויף יע-נער זייט טיש, האָב איך ערשט אַ ביסעל פֿרייער אָפּגעאָטעמט און בעקומען לשון:

זאָגט מיר, פּאַניע פּאַשאַף, פֿון וואַנען נעמט זיך צו אייך אַזאַ גבורה אָהן עין הרע? פֿון קיין תעניתים איז עס דאָך זיכער נישט, שני וחמישי האָט איהר דאָך זיכער נישט געפֿאַסט, און אַז איר זאָגט: קיין און נישט הבל, דאָס לאָזט זיך דאָך ביי אייך אָנטאַפּען, אַז איהר זאָגט, אין זכות פֿון עסען לעבט מען, דאָס זעהט מען, ווי זאָגט אַ ווערטעל: "לויט אייערע באַקען זעהט מען וואָס די ציין טוען קנאַקען" קענט איהר מיר נישט זאָגען, פּאַניע פּאַשאַף, וואָס איז אייער בערוף?

מיין בערוף, ענטפֿערט פּאַשאַף, איז — בוכהאַלטער.

איהר זענט אַ בוכהאַלטער? — ריים איך איהם איבער — ביי אייך איז טאַקע זעהר אַ שעהנער "פּשוכאַר", אייער "פּשוכאַר" וואָלט איהר געקענט אויס-מיילען אַ האַלבען לאָדזער קאַמי-פּער-איין... יאָ, איך האָב אייך נאָך פֿערגעסען צו פֿרעגען. ווי געפֿעלט אייך לאָדז?

לאָדז, זאָגט ער איז אַ מאָסיוו שטעטעל. נאָר די טראָטואַרען זענען ביי אייך צו שמאָל. אויף דער פּעטריקאָווער גאַס בין איך געגאַנגען אויפֿ'ן טראָטואַר בין איך געגאַנגען מיט איין פֿוס אויפֿ'ן טראָטואַר, און מיט'ן צווייטען פֿוס אין מיטען וועג...

און וואָס בעשטעהט אייער כח, פּאַניע פּאַשאַף, ווי אַזוי בעזיגט איהר אייער געגנער?

אַהאַ, גוט ער זיך אַ שמייכל אויף, דער-נעהנטערט זיך צו מיר און ווייזט די מוסקולען. איהר זעהט וואָס דאָ טוט זיך? בוטשע, איהר קענט אַנטאַפּען.

נישט נייטיג, האָב איך מיך אויף דער גיך אָפּגערוקט.

אָבער ס'מאַכט נישט, בוטשע, איהר קענט אַנטאַפּען.

אָבער... אָבער... האָב איך מיך אַליין געראַטעוועט ווייטער, איך זעה פֿון ווייטען, כ'זעה, אַז "אַזדראַווינסקאַ" דאַרפֿט איהר נישט, און קיין ראַבאַרבאַרע אויף אַפּע-טיט דאַרפֿט איהר אויך נישט נעמען. קענט איהר מיר אפשר זאָגען, ווען איהר האָט שוין בעזיגט.

וועמען? די גרעסטע וועלט-רינגער האָב איך אַוועקגעלעגט אויף די לאָפּאַטקעס.

יאָ, איהר זענט, זעה איך, אַ מייסטער אויף אַוועקצולעגען. און אויפֿהויבען קענט איהר אויך?

איך קען אַוועקלעגען און אויך אויפֿ-הויבען, ס'איז אַ פֿראַגע וואָס אויפֿצו-הויבען.

אַ גאַנצע לייכטע זאַך.

אַ לייכטע זאַך, ווי לייכט?

אונגאַנצען אַ פֿינפֿציג קילאָ.

האַ... האַ... האָט ער זיך צעלאַכט, וואָס, פֿינפֿציג קילאָ? און דריי מאָל פֿינפֿציג קילאָ וועל איך נישט אויפֿהוי-בען?

נו, זאָג איך, אַז איהר וועט בעווייזען אויפֿצוהויבען די דאָזיגע פֿינפֿציג קי-לאָ, וועט איהר באמת זיין אַ העלד.

בוטשע, זאָגט ער, ווו האָט איהר אייע-רע פֿינפֿציג קילאָ? איז ער אויפֿגע-שפּרונגען.

אדרבא, האָב איך איהם געזאָגט. כאַפּט זיך מיט מיר אַראָפּ אין די האַ-לעס. דאָרט וועל איך אייך ווייזען אַ געפֿאַלענעם סוחר, ער וועגט האַלבסטענס פֿינפֿציג קילאָ, און אפשר דאָס אויך נישט. און אַז איהר וועט בעווייזען דעם געפֿאַלענעם פֿינפֿציג קילאָדיגען סוחר אויפֿצושטעלען אויף די פֿיס, וועט איהר זיין דער אמת'ער גבור...

נאָך איין זאַך וואָלט איך געוואָלט ווי-סען מיט וואָסערע מיטלען בעזיגט איהר אייערע געגנער?

ווי אַמאָל, אַמאָל מיט אַ דאָפּעלטען נעלסאָן, אַמאָל מיט אַ "מלין".

וואָס הייסט דאָס אַ "מלין"? בין איך געווען משתוקק צו וויסען וואָס דאָס איז אַזוינס.

אַ "מלין", זאָגט ער, דאָס איז אַ מוהל, איך לאָז דעם ב'חר פֿאַר'ן קאָפּ און דרעה פּונקט ווי מ'דרעהט מיט אַ האָהן ערב יום-כּפּור ביי "בני אדם". אָט וועל איך אייך באַלד ווייזען.

דאָ האָט זיך אונזער זעליג אויפֿגע-שטעלט, און אַז מיר גענומען ווייזען ווי אַזוי ער לאָזט דעם געגנער, און ווי אַזוי ער דרעהט מיט איהם אַ "מלין".

בוטשע, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע, ווי ער געהט אַ "וואַלצע". שטעלט אייך פֿאַר, זאָגט ער צו מיר, איך בין פּאַשאַף, און איהר זענט, זאָלען מיר זאָגען שטעקער, און איך וויל שטעק-קער'ן לאָזען אויף אַ "מלין", דאָ האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע מיך צו לאָזען ביים קאָפּ און מיט מיר מאַ-כען אַזאַ רעדעל.

בעמיהט אייך נישט. פּאַניע פּאַשאַף. האָב איך ביי איהם גענומען בעטען ווי ביי אַ גזלן. איך פֿערשטעה עס שוין זעהר גוט. איך בין, זאָג איך איהם, זעהר "פּאָיענמנע". ער רוקט זיך צו, און איך שפּרינג אָפּ, איך פֿיהל, אַז די נשמה בלוהט מיר אַרויס, קוים זאָל ער מאַכען אַ כאַפּ מיין קאָפּ אין זיינע הענט, לעבן אַרויס, מעג איך מיך געזעגענען, קוים מיט צרות, מיט תחנונים ס'איז מיר גע-לונגען איהם צו איבערצייגען, אַז איך פֿערשטעה דעם פּשט פֿון אַ "מלין", אַז איך בין שוין גענוי אָריענטירט ווי אַזוי דער "מלין" דרעהט זיך, און געלויבט השי"ת, אַז מיין קאָפּ איז נישט אַריינ-געפֿאַלען אין זעליג'ס הענטלעך אַריין.

פֿון איצט אָן, וועל איך שוין אָנזאָגען קינדס קינדער נישט צו געהן אויף אינ-טערוויאוען, בפֿרט צו סוחרים מיט אַזעל-כע פּרוסט-קאַסטענס, מיט אַזעלכע פּלע-צעס, נישט צו וועלען וויסען ווי אַזוי זעליג מאַכט אַ דאָפּעלטען נעלסאָן און ווי אַזוי ער מאַכט אַ "מלין".

לאדזשער כראניק.

היינט סומען די דייטשע אינ־דוסטריעלער קיין לאדז

(ג) 8.20 אין אווענד קומט מיט'ן קאלישער וואקזאל קיין לאדז די עקס־קורסיע פון די דייטשע אינדוסטריעלער, וואס וועלען זיין די געסט פון דער האנ־דעלס־קאמער.

דער מיטגליד פון דער עקסקורסיע, ד״ר הייגדריק, וועט שבת 5 נאכמ. אויפ־נעמען אינטערעסאנטען אין גראנד־האטעל.

נאכט־דיזשורען אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: וואלמשיצקי נאפּורקאווסקי 27, ראניעלעצקי פעטריקאווער 127, אולי־ניצקי און צומער וואלטשאנסקא 37, ליננוועבער פרייהייטס־פלאץ 2, הארט־מאן מלינארסקי 1, קאהאנע אלעקסאנ־דערער 50.

זיך אויפגעשניטען דעם בויך מיט א מעסער

און מיט ארויסגעלאזטע געדערים ארויסגעגאנגען אויף דער גאס.

שוידערליכער זעלבסטמארד פון אנ'ארבייטסלאזען

(§) אין לאדז איז נעכטען פארגע־קומען א שוידערליכער זעלבסטמארד, וואס איז אויסגעפיהרט געווארען מיט אזעלכע משונה'דיגע אומשטענדען, וואס האבען נאך פון איצט נישט געהאט זייער גלייכען ביי אונז אין שטאט.

נעבען טויער פון הויז נומר 6 ראף־בערט־גאס איז געזעסען דאס מיידעל וואנדא באיין, א טאכטער פונ'ם הויז־ווירט און געשיילט קארטאפל. ווי זי זיצט אזוי איבערגעבויגען איבערן מעסער קומט צו איהר צו א יונגער מאן פון א יאהר 30, א־בלאסער און א מידער און בעט מיט א שוואכער שטים, אז זי זאל אוהם געבען אביסעל וואסער, ווייל ער פיהלט זיך זעהר שלעכט. דערהערענדיג דעם טויט־בלאסען יונגערמאן, האט זיך דאס מיידעל זעהר שטארק דערשראקען און ארייננעלאפען אין שטוב נאך א גלאז וואסער. דערווייל האט דער יונגער־מאן, ווייזט אויס נאך געווארט. בליץ־שנעל האט ער א כאפ געטון דאס מע־סער פון די קארטאפעל, און זיך מיט ארייננעשניטען אין האלז. ווען דאס מע־דעל איז ארויס און אהם געוואלט דער־לאנגען דאס גלאז וואסער האט זי מיט שרעק דערזעהן, ווי ער שטעהט מיט אנ'איבערגעשניטענעם האלז אנגעלעהנט אויפ'ן טויער און דאס בלוט רינט, ווי פון א טייך. זי האט געמאכט א געוואלד און אהם געוואלט ארויסכאפען דאס מעסער. דער אונגליקליכער יונגערמאן איז אבער אנטלאפען און ווי בעפאלען פון עפעס א ווילדען שגעון, האט ער מיט די לעצטע כוחות זיך עטליכע מאל ארייננעזעצט דאס מעסער אין בויך און ווי אנ'אונטערגעהאקטער בוים אנידער־געפאלען אויף דער ערד מיט די געדע־רים אין דרויסען.

די אנקומענדיגע פאגאטאוויע האט אהם שוין נישט געקאנט אפראטעווען. דער דאקטאר האט שוין נישט געהאט וואס צו טון, ווייל דער אונגליקליכער יונגערמאן איז שוין געווען טויט. די פא־ליציי, וועלכע איז תיכף אנגעקומען אויפ'ן ארט פון דעם אויסטערלישען און שוידערליכען זעלבסטמארד האט פעסט־געשטעלט, אז דער זעלבסטמערדער איז א געוויסער לעאפאלד ראזנער, וועלכער האלט זיך אויף זעט עטליכע טעג אינ'ם נאכט־אזיל אויף לוטאזע 20. ראזנער איז געווען פריזירער, אפאר יאהר וואוינט ער אבער שוין נישט מיט זיין פרוי, וועלכע געפינט זיך אין סאסנאווי־צע. לעצטענס האט ער זיך ארומגע־שלעפט איבער די דערפער און שטעט־לעך פון דער לאדזער וואיעוואודזטווא און אויף קיין ארט נישט געפונען קיין בעשעפטיגונג. געטריבען פון הונגער און נויט איז ער ווידער צוריקגעקומען קיין לאדז און זיך ארומגעשלעפט איבער די גאסען, ווי א הונגעריגער הונט און ענדליך האט ער בעשלאסען צו בעגעהן דעם שרעקליכען זעלבסטמארד.

די ידיעה וועגען דעם אויסטערלישען זעלבסטמארד האט געמאכט א געוואל־דיגען איינדרוק און ביז שפעט אין אווענד זענען אויף דער ראבערטגאס געשטאנען קופקעלעך מענשען און ארומ־גערעדט דאס שרעקליכע געשעהעניש.

דערטרונקען געווארען

(§) אין סטאוו דער אויף לאגעווניצקע גאס איז נעכטען דערטרונקען געווארען דער 20־יעהריגער סטאניסלאוו בא־נאששטשוק. פון טייך האט מען שוין אוהם ארויסגעצויגען א טויטען.

ווער ווייס?

אברהם העלפאנד, 16 יאהר אלט, איז מיטוואך נאכמיטאג אוועק פון דער שטוב און ביז איצט נישט צוריקגעקו־מען. ווער עס ווייס עפּעס וועגען אוהם ווערט געבעטען מיטצוטיילען צו די פערצווייפעלטע עלטערן אויף קולינסקע גאס 5.

טעאטער און קונסט

מארגען פרעמיערע פון „מירעלע אפרת" אין פוילישען טעאטער

נאך לאנגע פארבערייטונגען קומט־פאר מארגען שבת אווענד אין פוילישען טעאטער די ערשטע אויפפיהרונג פון „מירעלע אפרת". דער בעקאנטער יודיש פוילישער ד אמאטורג ה' מארק ארנ־

מארק ארנשטיין

שטיין, וועלכער האט „מירעלע אפרת" גרונדליך בעארבייט, מאדערניזירט און צוגעפאסט צו די היינט־צייטיגע פאדערונגען פון בעסערן טעאטער, האט אויך דאס שטיק רעזשיסירט.

ה' מארק ארנשטיין, דער אונערמיד־ליכער טוער אויפ'ן געביט פון דער יודי־שער טעאטראלער קונסט, האט לעצ־טענס גרויסע פערדינסטען אלס איבער־זעצער און אינסצענירער פון יודישע סצענישע ווערק אויך פאר'ן פוילישען טעאטער. זיינע אויפפיהרונגען פון „דבוק" און „גולם" זענען געווען אמת'ע טעא־טראלע געשעהענישען, וואס זענען אויך פוילישער געזעלשאפט צו שאפען זיך א בעגריף פון יודישער מיסטיק. איז ער איצט, מיט דער בעארבייטונג און אויפ־פיהרונג פון „מירא אפרת". אויסען צו געבען די בעזוכער פון פוילישען טעא־טער א געלעגענהייט צו זעהן א שטיק פון רעאלען יודישען לעבען, איינפאסענ־דיג יעקב גארדינ'ס ווערק אין א גייסטי־גען לבוש.

די מארגענדיגע פרעמיערע זאגט צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט. די טיטעל־ראלע שפילט די בעקאנטע ארטיסטין הארעצקא.

אפגעשאצט געווארען אלס לייסטונגען און זין פון דער פויליש־יודישער דער נעהנטערונג.

אויב מיט'ן „דבוק" און „גולם" האט ה' ארנשטיין געגעבען א מעגליכקייט דעה

פון יודישען טעאטער

(—) דאס אפערעטען פארל וויערא קאניעווסקא און פאול ברייטמאן טרע־טען ווייטער ארויס מיט גרויס ערפאלג אינ'ם יודישען טעאטער אין „פילהאר־מאניע".

דאס „חזנ'דל", אין וועלכען די סוב־רעטין וויערא קאניעווסקא ווייזט ארויס א זעהר מייסטערהאפטען שפיל, געהט נאך אלץ נישט אראפ פון דער סצענע און ווערט געשפילט ביי אויספערקויפטע הייזער. דאס דאזיגע שטיק ווערט אבער נאך געגעבען בלויז 2 מאל. אין די אווענדען פון שבת און זונטאג. שבת ביינטאג ווערט געשפילט „דאס חופה קלייד", און מאנטאג — „צופּקע פייער", אין וועלכען וויערא קאניעווסקא איז אויסגעצייכענט.

די היינטיגע פרעמיערע אין „גאנג"

היינט ווערט געגעבען די געזעגנונגס־פרעמיערע „אויפ'ס ווידערזעהן", אין דער דאזיגער הומארפולער רעוויו געזעגנט זיך דער אנסאמבל פון „גאנג" מיט'ן לאדזשער פובליקום. צו די בעסטע נומערן פון פראגראם געהערען קודם כל די לידלעך פון לוציא פּשעסמישעלסקא, צוביגלסקי און לאסקאווסקי און דער סקעטש „דער טורעמ פון די פראנצוי־זישע רינגע־קאמפען".

טעגליך 2 פארשטעלונגען — 8.15 און 10.15

לעזט און אבאנירט
דאס
„לאדזער טאגעבלאט"

פאבאר פון יאהרגאנג 1908

ווער דארף זיך שטעלען היינט און מארגען?

היינט דארפען זיך שטעלען צו דער פאבאר־קאמיסיע 1 אויף פאמארסקא 18 די פאבאראווע פון יאהרגאנג 1908, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 11. קאמי־סאריאט און וועמענס פאמיליען־נעמען הויבען זיך אן מיט

A B C D E F H

פאר דער פאבאר־קאמיסיע 2 אויף אגראדאווע 34 דארפען זיך שטעלען די פאבאראווע פון יאהרגאנג 1908, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 14־טען קא־מיסאריאט, וועמענס פאמיליען־נעמען הויבען זיך אן מיט

Ł M N O R

צו דער פאבאר־קאמיסיע 3 אויף זא־קאנטנא 82 מוזען זיך שטעלען די פא־באראווע פון יאהרגאנג 1907 קאטעגאריע B, (אדראטשעניע) וועלכע וואוינען אויפ'ן שטח פון 11. קאמיסא־ריאט, וועמענס פאמיליען־נעמען הויבען זיך אן מיט די ליטערעס

פון A ביז L איינשליסליך

מארגען, שבת דארף זיך שטעלען פאר דער ערשטער קאמיסיע יאהרגאנג 1908 פון 11 קאמיסאריאט מיט נעמען פון

G I J L Ł M

פאר דער צווייטער קאמיסיע, יאהר־גאנג 1908 פון 14. קאמיסאריאט מיט נעמען P W Z

פאר דער דריטער קאמיסיע יאהר־גאנג 1907 (אדראטשעניעס) פון 11־טען קאמיסאריאט מיט נעמען, וואס הויבען זיך אן מיט

M N O P R S T U W Z

ווילט איהר, דאס אייערע וואוינונ־גען זאלען ניט בלייבען אויף הפקר בעת איהר זענט אויף זומער־וואוי־נונגען און קור־ערטער?

דאן ווענדעט זיך תיכף אין דעם פערזיכערונגס־ביורא פון ה' מרדכי חיים רומקאווסקי, קילינסקיעגא 105, טעלעפאן 50—12, וואו ער נעמט אן אלע ארט אסעקוראציעס געגען פייער און גנבה ספעציעל פון וואוינונגען. אלע די, וועלכע פאהרען אוועק אפ דארפען זאפארט אנקלינגען טעלעפאן 50—12, און זיי וועלען בעזוכט ווערען כדי ארויס צופיהרען די אסעקוראציע.

בכדי די לאדזער איינוואוינער זאלען אין די זומער־חדשים זיין רוהיג און נישט דארפען מורא האבען פאר גנבות, איז עס זייער אייגענער אינטערעס דורכ צופיהרען א פערזיכערונגס־פאליסע און אנקלינגען טעלעפאן 50—12 אין דער ביורא פון מרדכי חיים רומקאווסקי.

Miljony ludzi
na całym świecie nosi rok rocznie najlepsze obcasy BERSONA. Ludzie idący z postępem czasu nie noszą więcej twardych abcasów skórzanych. Mądry i postępowy nosi tylko BERSONA.
BERSONY są dla nerwów dobrodziejstwem, wytrzymują dłużej, niż najlepsza skóra, a przytem są tak tanie, że nie stanowią prawie wydatku.
Co miljony ludzi uznało za dobre, powinien i Pan wypróbować.
Noś więc i Pan BERSONY
i z mądrości i z oszczędności.

קאטשמארעק מיט זיינע 40 באנדיטען פאר'ן לאדזער קרייז־געריכט

(§) די פראקוראטור האלט שוין ביים פערענדיגען דעם גרויסען בעשולדיגונגס' אקט געגען דעם באנדיט קאטשמארעק מיט זיינע 40 חברים. דער בעשולדי־גונגס־אקט ענטהאלט 100 זייטען מא־שין־שריפט און אין די נאהענטסטע טעג ווערט ער איבערגעשיקט צום קרייז־געריכט אויף צו בעשטימען דעם טער־מין פון פראצעס.

מבול וועקסעל־פראטעסטען זיך פערקלענערט

(וו) ווי מיר ווערען אינפארמירט, בעמערקט זיך איצט אין לאדז א פערקלע־נערונג פון דער צאהל פראטעסטירטע וועקסלען. די גרעסטע צאהל וועקסעל־פראטעסטען איז געווען אין מאי. איצט ווייזען זיך כסדר'דיגע ענדערונגען צום בעסערן. הלואי אויף ווייטער!

זעליג פאשאה

מיינע איבערלעבענישען אין שפאניען

אינ'ם לאנד, וואו מען מיינט, אז א יוד איז א בעשעפעניש מיט הערנער און מיט פערדישע קאפיטעס אויף די פיס.

זעליג פאשאה, דער יודישער גבור, וואס איז ערשט געקומען קיין לאדז, איז שוין אויסגעווען א וועלט. אומעטום האט ער זיך ערווארבען א נאמען אלס ערשט־קלאסיגער רינג־קעמפער און „לייבען־בע־צווינגער" פון די שטארקסטע און אנ־געזעהענסטע אטלעטען. תחילת האט מען אויף אוהם געקוקט פון אויבען אראפ. עפּעס א יודעל דארט — האט מען זיך געטראכט. אויך מיר א גרוי־סער צומעס. שפּעטער, ווען זיין נאמען האט שוין אנגעהויבען קלינגען איבער דער וועלט, האבען פיל זיך גארנישט געקאנט פארשטעלען, אז ער זאל זיין א יוד. און מען האט אוהם מיט געוואלד געוואלט מאכען פאר א דייטש, פאר א רוס, פאר אנ'ענגלענדער און פאר וואס איהר ווילט, נאר נישט פאר קיין יוד. פאשאה איז אבער א יוד, א נאציאנאלער יוד, און ער בעטראכט זיך אלס יודישען גבור. און ער האט דעריבער זעהר ענער־גיש בעקעמפט זיינע אימפרעסאריאס און צירק־דירעקטארען, וואס האבען אוהם דוקא געוואלט מאכען אויפ'ן אפיש פאר א גוי.

זעהר אינטערעסאנט איז זיין טורנע אין שפאניען, אין דעם דאזיגען לאנד וואו מען זעהט נישט קיין יוד.

איינציגע זעהר משעקאווע מאמענטען פון דעם דאזיגען וואונדער־לאנד האט אונז פאשאה איבערגעגעבען צו פער־עפענטליכען אין אונזער צייטונג. און מיר גיבען עס איבער ווארט ביי ווארט אינ' נאמען פון דעם יודישען אטלעט.

* * *

איינמאל בעקום איך א טעלעגראם פון א צירק־דירעקטאר, אז ער וויל מיך אנ־גאזשירען קיין שפאניען. דאס לאנד האט מיך געלאקט און איך האב געענטפערט, אז איך קום. אראפקומענדיג קיין מאד־ריד, האב איך בעמערקט אויפ'ן אפיש, אז איך ווער אנאנסירט אלס בערוהמטער דייטשער משעמפיאן. איך בין ארייף צום דירעקטאר און געזאגט, אז מיין נאציאנאליטעט איז נישט ריכטיג אנגעגעבען.

דער דירעקטאר, אנ'אלטער קראפטפוי־גער שפאניער מיט אנ'אויסגעבויגענער אדלער־נאז און מיט אפאר סעמיטישע אויגען, האט מיך א פרעג געטון:

— וואס דען זענט איהר, א רוס?

— ניין, איך בין א יוד!

דער אלטער האט אויסגעלאצט א פאר אויגען און שנעל זיך איבערגעצ־צלמ'ט איבער דער ברוסט.

— כודיא, — גאט מיינער — האט ער ארויסגערעדט איבעראשט — איהר זענט א כודיא, א יוד, דאס איז דאך אונגלויבליך, דער יוד איז דאך א שוואך בעשעפעניש, ניין, איהר מאכט אודאי חוזק פון מיר.

דערזעהענדיג, וואס פאר א השגות ער האט וועגען יודען, גיב איך אוהם א פרעג, צי ער האט שוין אמאל געזעהן א יוד פאר די אויגען.

— ניין, געזעהן האב איך נאך נישט קיין יודען, ביי אונז אין לאנד זענען קיין יודען נישטא, אבער פון הערען ווייס איך, אז יודען זענען פיזיש זעהר שוואך אנטוויקעלט, האבען נישט קיין פער־שטענדניש פאר ספארט און דער קולט פונ'ם קערפער איז זיי אינגאנצען פרעמד.

בקיצור, עס האט געמוזט דויערן א גאנץ שעהנע צייט, ביז איך האב דעם אלטען שפאניער, מיט'ן גאנצען יודישען פנים, געקאנט איבערצייגען, אז איך בין ווירקליך א יוד. און ער איז ענדליך מרוצה געווארען, אז מען זאל איבער־שרייבען דעם אפיש און אנשטאט „דיי־טשער משעמפיאן" זאל מען מיך רע־קלאמירען אלס א יודישען גבור...

פאר די שפאניער איז דאס געווען אנ'אמת'ע סענסאציע. יונגע שווארץ־חנו'דיגע שפאנישע יונגען מיט שווארץ־צע רונדיגע הוט, וואס זענען געלעגען ווי די טעלער'ס אויפ'ן קאפ, זענען גע־שטאנען ביים אפיש און הייצנ דיסקו־טירט וועגען דעם „כודיא" (יוד), דעם משעמפיאן.

איינער אהט געזאגט, אז איך מוז מסתמא האבען הערנער... א צווייטער האט זיך געשוואוירען, אז זיין מאמע האט אוהם שטענדיג דערצעהלט, אז א יוד האט א פאר פערדישע קאפיטעס...

א יונגע דאמע מיט אנ'איבערגעוואר־פענעם שאל אויף די פלייצעס, האט זיך פרום איבערגעצלמ'ט און געשעפ־טשעט האלב־דערשראקען צו אנ'עלטע־רער דאמע מיט א הויכער פריזור.

— מאמא — א כודיא קאן אויך זיין א טאראדאר?...

צוהערענדיג זיך פון דער ווייטענס די פערשוידענע געשפרעכען ביים אפיש, איז מיר געווארען קאלט און ווארים. איך האב ערשט איצט פערשטאנען, אז איך געפין זיך אין א מדינה, וואו מען האט די אויסטערלישסטע השגות וועגען יודען, און אז איך וועל אפשר זיין דער ערשטער יוד אין דעם לאנד, וואו ס'געפינען זיך נאך נישט ביז היינטיגען טאג די שפורען פון אנ'אלטען יודישען קול־טור־ישוב, וואס וועט געבען די ברייטע מאסען פון די שפאניער א האפנונג פון א היינט צייטיגען יוד...

איך האב זיך דעריבער מיט א בעזונ־דערן אינטערעס געגרייט צום ערשטען אויפטריט.

איך פיהל זיך נישט אין דער ראל פון א „נאציאנאלען העלד" און פרע־טענדיר עס נישט צו זיין, אבער דאס „פינטעלע יוד", וואס ליגט טיף בעהאל־טען אין יעדען איינעם פון אונז, האט זיך דא אין מיר צושפילט און מיר האט זיך דערוועקט א שטארקער פער־לאנג, צו ווייזען די „סעניארן" און „סע־ניאריטאס" פון דעם קלאסישען טארע־אדאר־לאנד, אז דער יוד איז פונקט אזא מענש, ווי זיי און קאן זיך דרייסט פער־מעסטען מיט יעדען איינעם, „איבערד־לען" אקסען־קעמפער פון אנדאלוזיען.

אין אווענד איז דער צירק געווען איב־בערפולט.

ווען איך בין ארויס אויף דער ארענע, האב איך אויף מיר געפיהלט די בלי־קען פון טויזענטער אויגען.

(המשך קומט)

צי האלט עס פאר א שלום אין רוסלאנד?

(ענדע פון זייט 5)

זיין א פרעמדען לאגער. זיינע דריי אר-
מ.קלען אין דער אויסלענדישער פרעסע
האבען אויפגעקיי'הרג'עט זיין פאפולארי-
טעט אין רוסלאנד. עס קענען אוהם די
דאזיגע ארטיקלען נים פערגעבען נים
בלויז די סטאלינ.סטען, נאר אפילו דער
פשוט'ער דורכשנ.טליכער אומפארטיי-
אישער מענטש אין רוסלאנד.

דערפאר איז עס מעהר ווי זיכער, אז
אפילו יענע פון טראצקי'ס אנהענגער,
וואס האבען זיך געלאזט פערשרעקען פון
סטאלינ'ען און קאמף פאר די לאזונגען
פון דער ל.נקער אפאזיציע, וועלען איצט
זיך שטארק נים אמפערן אויב סטאלין
זאל וועלען מאכען מיט זיי שלום אהן
טראצקי'ן. סטאלינ'ס ליניע און דער אי-
נערליכער סאוו עטישער פאל.טיק איז
איצט א גאנץ נאהענטע צו די לינקע
אפאזיציאנערען. און דאס איז איצט
דער עיקר. אין דער אויסערליכער פא-
ליט.ק מעג צווישען סטאלינ'ען און די
לינקע נאך אלץ ליגען דערזעלבער אפ-
גרונט וואס פריהער, אבער אין דעם
איצטיגען מאמענט איז פאר יעדען קא-
מוניסט אין רוסלאנד פיל ווי.כטיגער די

אינערליכע לאגע אין רוסלאנד, ווי די
ווייטע פערספעקטיווען וועגען אנ'אל-
וועלטליכער קאמוניסט.שער רעוואלו-
ציע, אויף וועלכער טראצקי האט זיך
אזוי איינגעשפארט אין זיין טאקטיק.

עס רוקען זיך איצט אויף רוסלאנד
שווערע מאמענטען, דער היינטיגער זו-
מער אין רוסלאנד וועט פאדערן אנגע-
שטרענגטע ארבייט און א פאראייניגטען
א.נערליכען פראנט. „יא טראצקי אדער
נים טראצקי" איז איצט נים קיין פראגע
פאר יענע, וואס זענען פעראינטערע-
סירט, אז רוסלאנד זאל ארויסקריכען
פון דער פערפלאנטערטער עקאנאמישער
לאגע, אין וועלכער דאס לאנד פאלט
איצט אריין. ד. שלום-ווינטען וואס בלא-
זען איצט אין מאסקווא קענען דערפאר
ברענגען מעגליכע ממשות'דיגע רעזול-
טאטען. צו וועלען זיי אבער מיט זיך
אויך ברענגען טראצקי'ן צוריק קיין רוס-
לאנד, איז דערוויילע נאך זעהר א גרויסע
פראגע, א פראגע אויף וועלכער מען קען
דערוויילע מ.ט פולער זיכערקייט ענט-
פערן „ניין" און נים מאכען דערביי
קיין טעות.

רוסלאנד, ווי עס זעהט זיך אליין

(ענדע פו זייט 7)

אין דער בעשיצונג וועלכע די געוועהנלי-
כע הייראט גיט איהר.

מיט'ן אפשאפען די הייראט אלס א
„בורזשואזנע" אינסטיטוציע, האט דער
מאן זעהר פיל געוואונען אויף דער רעכ-
נונג פון דער פרוי. ער איז בעפרייט
געווארען פון פיל פליכטען, וועלכע ער
האט פריהער געהאט. ער איז טאקע גע-
ווארען באמת פריי. די פרוי איז אבער

דערפאר געווארען מעהר פערשקלאפט.
זי צאהלט יעצט די פרייז פאר דער דא-
זיגער פרייהייט. דער פאקט, אז א חתונה
קען צו יעדער צייט אנולירט ווערען
אהן וועלכע עס איז שוועריגקייט איז
פון רעכטליכען שטאנדפונקט טאקע
א טובה פאר ביידען. אין דער אמת'ן
אבער גיט עס געוועהנליך בלויז דעם
מאן א גרעסערע געשלעכטליכע פריי-

זייט פאר דער פרוי מאכט דאס לעבן
אסך שווערער, ווי עס איז געווען. עס
איז שוין יעצט איבעראל אנערקענט,
אפילו אין רוסלאנד, אז אין געשלעכט-
ליכען זין איז די לאגע פון דער פרוי
אין רוסלאנד איצט פיל ערגער, ווי פריי-
הער. זי ווערט מעהר אויסגענוצט און
מעהר עקספלאאטירט פון מאן, און זי
האט ווענינגער שוץ פון דער עפענטלי-
כער מאראל און פון דער געזעלשאפט-
ליכער מיינונג. דער רעזולטאט איז, אז
פיל ברעכען זיך און געהן אונטער אזוי
ווי דאס יודישע מיידעל אין דער דער-
מאנטער פיעסע.

א צווייטען אמת, וועלכען די דאזיגע
דראמע ברענגט ארויס, איז אז נאך אלע
גרויסע רעוואלוציעס און איבערקערע-
נישען איז דאס לעבען אין רוסלאנד נים
פיל אנדערש ווי אין דער גאנצער וועלט.
דארף מען א גרעסערע רעוואלוציע ווי
די רוסישע? דאס גאנצע לעבען איז
דאך ווי איבערגעקעהרט געווארען מיט'ן
קאפ אראפ און פיס ארויף. פונדעסטוועגן
געט איז דארט אויך דאס טיפע און פונ-
דאמענטאלע פון לעבען ווי געווען: מע-
גער ווילען פערלאזען זייערע פרויען און
די פרויען טוליען זיך צו די מענער און
לאזען זיי נים אפ. מען קוקט זיך
צו די בילדער פון דעם איצטיגען רוסי-
שען פאמיליען לעבען, וועלכע די דאזי-
גע דראמע דעקט אויף און מען דערקענט
פאר זיך גאנץ געוועהנליכע בילדער פון
פיטש'ען „בורזשואזנעם" פאמיליען-לע-
בען. די זעלבע עגאאיסטישע טעניות
פון מאן און די זעלבע רחמנות'דיגע בוי-
טעם פון דער פרוי, זאגאר די זעלבע
פאראורטיילען, ווי איבער דער גאנצער
וועלט.

מען זיצט אין טעאטער און מען קוקט
זיך צו די בילדער פון נייעם רוסלאנד,
וועלכע די פיעסע ווייזט פונאנדער און
מען קלערט זיך: עולם כמנהגו. די וועלט
געהט זיך אוהר וועג און דאס קלערען
איז שטארקער פון אלע רעוואלוציעס
מענשען שרייען, טומלען, געוואלדעווען
און מיינען, אז זיי קעהרען איבער וועל-
טען. אין דער אמת'ן זענען אלע וויי-
טע שטורעמס בלויז אין א גלאז וואסער.
אלע רעוואלוציעס זענען אויבערפלעכ-
ליך, טיפער פון דעם אויבען אויף געהן
זיי נים. אפילו ווען אויבען שטורעמט

קלמן שולמאן און זיינע תלמידים

(ענדע פון זייט 8)

ווען. אויך דאס, איך בין נים פריי צו
שרייבען וואס איך וויל, וואס עס איז
מיר נאהענט צום הארצען. איך קען ווי
מען מיין צייט און דיביסעל כחות, וואס
איך פערמאג נאך ביי דער ארבייט, וואס
איז ביי מיר שון בעשטעלט און פון
וועלכער איך צוה מיין חיונה. קיינעם
פון די דרוקער אדער אפילו דער חברה
„מפיצי השכלה" וועט נים איינפאלען
צו בעשטעלען א ביאגראפיע פון אד"ם
הכהן, פון א משורר, וואס האט געלעבט
אין אינזערע טעג. און דערצו נאך איז
ער בעקענט געווען אלס אנ'אפיקורס. די
ארטאדאקסיע וועט אוהם קיינמאל נים
מוחל זיין זיין אלעגארישע דראמע
„אמת ואמונה". ווער דארף האבען אין
ווער אינטערעסירט זיך אויבערהויפט
מיט דער לעבענס-בעשרייבונג פון א
העברעאישען שרייבער אדער דיכטער,
וועלכער האט נישט געהאט דאס גליק
געבוירען צו ווערען, לכל הפחות, אין
צוועלפטען יאהרהונדערט.

דאס איז דער תמצית, דער זין, פון
דער תשובה, וואס שולמאן האט מיר
דאן געגעבען אויף מיין פראגע. ער האט
א לאנגע צייט געדרעמט און דערצעהלט
פונ'ם דיכטער'ס לעבענס-קאמף, פון זיין
אופן צו לערנען, צו שרייבען און צו
פערקעהרען מיט מענשען, נאהענטע און
ווייטע.

שולמאן איז געווען א שלעכטער דער-
צעהלער, קיין שארפער בעאבאכטער
און אהן א ברעקעל חוש פאר הומאר.
דאך האבען זיך פיל זאכען פון דעם,
וואס ער האט מיר דערצעהלט וועגען

דעם דיכטער פון „החמלה", דער גרוי-
סער קפדן און וואהרהייט-פאנאטיקער,
טיף זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון.

דער ערנסט און די אויפריכטיגקייט,
מיט וועלכען שולמאן האט גערעדט און
דערצעהלט וועגען אד"ם הכהן און זיין
זוהן מיכ"ל (דער פרוה-פערשטארבענער
זעהר בעגאבטער לוריקער), דער אינ-
טימסטער יוגענד-פריינד פון שולמאן,
האבען אויף מיר געמאכט אנ'איינדרוק,
איך פלעג זיך צוהערען מיט א פערכאפ-
טען אטעם. נכרים דבר אמת. עס איז
געווען גלייך צו דערקענען, אז שולמאן
דערצעהלט נים וועגען אד"ם און זיין
זוהן מיכ"ל קיין בבא מעשיות, קיין לע-
גענדעס, נאר ווירקליכע טאטזאכען, אך
דאס, וואס ער האט אליין איבערגע-
לעבט אין זייער אינטימען קרייז, אהן
בעפוצונג און אהן וועלכער עס איז
פניה.

וועגען דעם עלטער פונ'ם דיכטער
האט מיר שולמאן געזאגט, אז אד"ם
האט קיינמאל קיינעם נים, אפילו נים
זיינע מקורבים נים געזאגט ווי אלט ער
איז. ער האט אויסגעמידען אלע פראגען
וועגען דעם, נאר נאך זיין, שולמאנ'ס,
איינרעכענונג, איז אויסגעקומען, אז
אד"ם הכהן האט געלעבט הונדערט און
דריי יאהר.

ווען איך גיב זיך אפ רעכענונג פון
אלעם דעם, וואס קלמן שולמאן האט
מיר דערצעהלט, ביי פערשידענע גע-
לעגענהייטען, וועגען דעם דיכטער פונ'ם
„הרעת והמות", וועגען זיינע פערזענ-
ליכע פרינציפען און כללים, רעגעלען. וואס
ער האט שטרענג אפגעהיט אין זיין טאג-
טעגליכער אויפפיהרונג אונ'ם לעבען,
בעוואונדער איך אין העכסטען גראד די
איינמאליגע דערשיינונג, וואס האט גע-
הייסען אד"ם הכהן, א מענשליכע דער-
שיינונג, וואס איז נים אפגעשאצט גע-
ווארען אין איהר גאנצער גרויסקייט ביז
אויף היינטיגען טאג.

דער דיכטער פראנץ ווערפעל שיל-
דערט אין זיין „ראמאן פאן ווערדי", א
מערקווירדיגען זקן, וואס האט זיך גע-

שטעלט די אויפגאבע צו שלאגן דעם
גרעסטען רעקארד און לאנג לעבען. ער
בעזיצט די העכסטע קונסט און געשיק-
קייט צו רעזערווירען זיינע פיזישע
כחות, זיך נים אויפרעגען פון קיין זאך
און אויסצוגעבען א מינימום פון ענער-
גיע דארט, וואו אנדערע גיבען אויס א
מאקסימום.

אד"ם הכהן, לויט די פאקטען וואס
שולמאן האט מיר איבערגעגעבען, איז
געווען פיל מעהר דענקער, און פיל גע-
שיקטער אין דער קונסט לאנג צו לע-
בען.

ער האט דערגרייכט, לכל הדעות דעם
העכסטען עלטער וואס א יודישער דיכ-
טער אדער געלערנטער, אויבערהויפט א
מענש פון גייסט, האט ווען דערגרייכט
אין דער ארומער ליטא.

אד"ם האט צעהנדלינגער יאהרען גע-
ליטען פון שווינדזוכט (די „דער"). אין
א בעמערקונג צו זיין קלאג-ליד אויף
זיין גאנץ יונג פערשטארבענעם זוהן
מיכ"ל, בעהויפטעט דער פאטער, אז
זיין ליבלינגס-זוהן האט דאס פון איהם
געירשנ'ט די שווינדזוכט קראנקהייט.

נישט קוקענדיג אויף זיין קרענקליכען
קערפער פונ'ם געבורט און נים קוקענ-
דיג אויף זיין הארטען און שווערן קאמף
פאר זיין מאטעריעלער און גייסטיגער
עקזיסטענץ, א קאמף וואס האט זיך גע-
צויגען צעהנדלינגער יאהרען, און נים
קוקענדיג אויף דער טיפער וואונד וואס
דער טויט פון מיכ"ל האט איבערגעלאז-
זען אין זיין הארצען, האט ער דאך
דערגרייכט דעם העכסטען לעגענדארען
עלטער. ער איז פערבליבען ביים קלא-
רען פערשטאנד און ביי דער פעסטקייט
און אויסגעהאלטענקייט פון כאראקטער
ביז דער לעצטער שעה. אויך אין די
העכסטע טעג פון זיין עלטער איז ער גע-
בליבען אייזען-שטארק פעסט ביי זיינע
פילשטענדיגע פרינצ אנזיכטען און ביי
זיינע לעבענס-פרינציפען.

—0—

דער ים און דערמאנונגען שיפען אוז
אבער אונטען אין דער טיפעניש שטיל,
שא. אביסעל צייט פערגעהט און אפילו
די שטורמישע אויבערפלאך בערוהיגט
זיך און דער גרויסער אונענדליכער ים
פון לעבען ווינגט זיך רוהיג און דער-
צעהלט זיין אלטע, אלטע, מאנאטאניש
געשיכטע, וועלכע קיין מענשליכע רעווא-
לוציע קען נים אומבייטען.

Grand-Kino
היינט און ווייטערע טעג! „די זעקסטע פלאג פון דער וועלט"
חאכצייטס רייזע מיט א שווינגער אין 10 גרויסע אקטען
אין די הויפט-ראלע דער קעניג פון די קאמיקערס אין האליוואוד
MONTY BANKS
? אויסערן פראגראם

היינט און טעגליך! „דער קעניג פון קארנאוואל"
גרויסער שראט. לעבענס-דראמא
אין די הויפט-ראלן: Gabriel Gabrio Elga Brink, Henny Edwards
סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ש. ביינעלמאן.
אנהויב 4.30 נאכמיטאג, שבת, זונטאג און חגאות 2.30 א זייגער נאכם.
די פרייזען אויפ'ן ערשטען סעאנס 50 גראשען און 1 זלאטי.

Apollo
היינט און ווייטערע טעג! BEBE DANIELS „די טאכטער פון זארע"
די קאנקורענטין פון דוגלאס פערבענקס
איז דעם פרעכטיגען און שעהנעם פילם —— א. ט.
דער נאהענטסטער פראגראם: „די וועלט פון דער נאכ.."

Corso
— היינט און ווייטערדיגע טעג! —
סענסאציאנעלער פליה-פילם
„בעזיגער פון די וואלקענס"
אויסערן פראגראם: א פארס

Wodewil
היינט און ווייטערע טעג! Laura La Plante אין „אונשולדיגע"
שאמפאנישע עראטישע קאמעדיע.
אויסערן פראגראם: א פארס.

Odeon
— היינט — און טעגליך! „די האטעל-מויז"
סענסאציאנעלע סאלאן-שטיק. און די הויפט-ראלן:
Emir VATIER און ICA de LENKEFFY
אויסערן פראגראם: א פארס.

קאנדיטאריי „ASTORIA"
עק פיעטריקאווער און ציגעל-גאס
טעלעפאן 24-12 טעלעפאן 24-12
גיט ארויס טעגליך געזונדע און געשמאקפולע
רעגעטעריאנישע מיטאגען
פון 5 געננג
צו 3 זל. צו 3 זל.

אסך דאנק-בריף
האבען מיר בעקומען פאר די צוויי פרעכטיגע
פרעמיעס, וואס מיר גיבען די לעזער פון
„לאדזער טאגעבלאט", דאס מאנומענטאלע ווערק
„די יודישע געשיכטע"
פון פראפעסאר ה. גרעץ,
און די פינף ביכער פון
דר. א. קאראלניק'ס ווערק
פיל לעזער האבען אבער אויסגעדריקט דעם וואונש, צו
פערלענגערען דעם טערמין פונ'ם זכות
צו געניסען פון די פרעמיע-קופאנעס, כדי
אויך יענע, וואס האבען נישט געהאט
די מעגליכקייט אויסצושניידען די
ביז א הער געדרוקטע קו-
פאנעס, זאלען קענען
זיך איינשאפען די
ווערטפולע
ווערק
פון איצט אן
דרוקען מיר דערום דעם פרעמיע-קופאן אהן
א נומער. יעדער, וואס וועט צושטעלען אין אונזער
אדמיניסטראציע 10 אזעלכע קופאנעס, וועט, אליין,
קענען די פרעמיעס פון „לאדזער טאגעבלאט" זיך איינשאפען
אויסערגעוועהנליכן צום ספאט-ביליגען פרייז.
לאזט ניט דורך די געלעגענהייט!!

לעזט און אבאנירט דאס
„לאדזער טאגעבלאט"

Głowno Nowy Otwock
willa SUJKA
פענסיאנאט מארגענשטערן
שעהנע זוניגע צימערן אין מיטען סאסנאווע וואלד. פיינע כשר'ע קוך.
גיטע בעדינונג. ☐ בעמ.: צוליב היגיעניע איז נויטיג מיטצובריינגענען
אייגען בעטגעוואנד. — צו ווענדען זיך דירעקט אין פענסיאנאט.
אין לאדז ערטיילט אויסקונפט מארגענשטערן וושכאדניא, 68,
וואוינונג 17. מעסיגע פרייזען!

הי[illegible]אטע העניג ערד
צו ביליגע צינזען
אויף בערלינער הייזער
בעזארגט שנעל
Ch. Regenwetter
Berlin S. 14, Stallschreiber № 33
Telefon: Dönhoff 4337.

ס'איז איבריג צו קומען קיין לאדז.
מיר ערלעדיגען אלע ענינים אין די געריכטען און אין אלע
מלוכה'שע, קאמונאלע און פריוואטע אינסטיטוציעס אין
לאדז, ווארשא, אין גאנץ פוילען און אין אויסלאנד.
אינטערווענציעס. פערטרעטונגען. בעראטונגע
אינפארמאציעס. פערמיטלונג אין אלערליי ענינים
וועקסעל-אינכאסא. קלויזולעס. זאבעזפיעטשעניעס
אויסקונפטען און בעאבאכטונגען.
ביורא „ארגוס", לאדז, זאכאדניא 36
מיר זוכען קארעספאנדענטען און מיטארבייטער
:—:—: אין אלע שטעט און שטעטלעך. :—:—:

אונטערנעמונג פון אינזשיניער-ארבייטען
עלעקטרא-מעכאנישע און רעפעראציאנס-ווארשטאטען
MAURYCY RAK
Łódź. Zawadzka 12, telefon 14-11
Pabjanice, Kilińskiego 3, telefon 190.
איינריכטונגען: פון קראפט, ליכט, ווינדעס, טראנס-
מיסיעס און סיגנאליזאציע, רעפעראציעס: פון מאטארען
דינאמא-מאשינען, טראנספארמאטארען, ווינדעס און אלע
ארט עלעקטרא-הייל-מאשינען, עלעקטרישע מאטארען
אלע גרעסען צו פערקויפען און צו פערטוישען.
ליכט-רעקלאמעס!

רויס פון דרוק:
1) הערשעלע — שבתאי'ניק'טראקט (לידער)
2 זלאטים
דאס קלאסישע ווערק:
2) פרידריך שילער—ווילהעלם טעל (טעאטער-שטיק)
יודיש: הערשעלע — 5 זלאטים.
צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען

CYRK
היינט דער 8-טער אויפטריט פון יודישען גב'ר
זעליג פאשאף
אויסערן פראגראם: פארטועזונג פון טורניר.
היינט פרייטאג קעמפען:
פאשאף—קראוס
סטיבאר—שפיעוואטשעק
דעצידירענדע: קארנאץ—פיעטראוויטש.
דעצידירענדער ראטאנזש-קאמף
קעלער—שטעכער.

פוילישע שפראך
ווערט ערלערנט גרינדליך דורך א קורצער צייט
חסכאדניא 29, וו. 3.

עמפּעהלט די גרעסטע און רעעלסטע מעבעל-פאַבריק
MARKOWICZ i NASIELSKI
PIOTRKOWSKA 6, Południowa 10. טעל. 49-71 :פאַבריס

מעבעל
≡ דעם גרעסטען ≡ מעבעל
און עלעגאַנטעסטען אויסוואַהל פון
שלאָף-צימער, עס-צימער קינדער-צימער א.א.וו.
קאָמפּלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק-מעבעל
אמביליגסטען. און אויף בעסטע בעדינגונגען

דער צויבער פון וואַלץ
Mady Christians, Xnia Desni, Willi Fritsch
—אין די— הויפּט-ראָלן:
Iniogena Robertson i Norman Kerry :אין די הויפּט-ראָלען
היינט און טעגליך!
די גרעסטע קאָמעדיע אין 10 גרויסע אַקטען — א. ז.
דער נאָהענטסטער פּראָגראַם: „די בלויע נעכט"

KINO
SPOŁDZIELNI
Sienkiewicza 40.
קינאָ אין גאָרטן

„דער באַנדיט"
פון דינסטאג, ד. 18-טען מערץ
„ROD la ROCQUE
—אין די— הויפּט-ראָלן: Lupe Valez, Warner Oland
Charlie Chaplin אויפערן פּראָגראַם: אַלס „גנב"
דער נאָהענטסטער פּראָגראַם: „די ליידען פון ליבע אין באָלשעוויסטישן גן-עדן"

קינא
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

Dr. Z. RAKOWSKI
ספעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייט
מאָנסטאַנטינער 9 טעלעפאָן 27-81
שפּרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7 נעמט אויך אָן
אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 2 ביז 3 נאָכמ.

Dr. med. J. BETTE
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַליסט פאַר אינערליכער און קינדער-קראַנק
Piotrkowska 6, tel. 44-95
נעמט אָן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אָוונד

Dr. med. S. Neumark
צוריקגעקעהרט
Moniuszki 5, (פּאָסאַזש-מייער)
Telef. 70-50 טעלעפ.
ספּעציאַל-אַרצט
פאַר הויט, האָר- און װענערישע-קראַנקהייטן
בעהאַנדלונג מיט רענטגען-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 11 ביז 1 און פון 5—8,
פרויען פון 5 ביז 6 נאָכמיטאָג

Dr. med Z. Datyner
ספּעציאַליסט פאַר נירען, בלאָז און אורין-קראַנק
Piramowicza 11 (פריהער אלגינסקא)
Tel. 48-05.
נעמט אָן פון 8 ביז 10 פריה. און 6—8 אָוונד.

פלעגט די פיס
PEDICURE
S. Łódzki

Traugutta 5 (Krótka) m. 10, tel. 70-37
נעמט אָן פון 11—2 און פון 4—7 אָן. געוועזענער פּיסטענט ביי מיסטער עלעמאַן (הינער-אויגען-אַנשטאַלט אין לאָנדאָן). ספּעציאַליסט צו באַזייטיגען הינער-אויגען און האָרנהויט ווי אריינגעוואַקסענע נעגעל אָהנע שמערץ

Dr. med. M. Heller
ספּעציאַליסט פאַר הויט- און װענערישע קראַנקע און מענער-שוואַכע
נאָווראָט 2, טעל. 79-89
נעמט אָן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אָוונד
פאַר פרויען פון 4—5 נאָכמ.
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פּרייזען.

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA
גדאַנסקאַ 28, טעל. 41-46
ספּעציאַליסט פון ביינער און געלענק-קראַנקהייטן
:—: פערקרימונגען פון פּלייצעס און גלידער. :—:
אייגענע פּראַצאָווניע
פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען: ווי וואַקלדיקעס נעגען פּלאַטפוס, קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען א. ז. וו.
נעמט אָן פון 5—7

Dr. med Grzegorz Rozenberg
ספּעציאַל-אַרצט פאַר מאָגען, מישקע, לעבער און אינערליכע קראַנקהייטען
Telef. 24-44 גדאַנסקאַ 44 (דלוגאַ)
נעמט אָן פון 11.15 ביז 12.30 מיטאָג
און פון 6 ביז 8 אָוונד
זונטאָג פון 11 ביז 1.

אַרבייטסלאָזע האַנד-וועבער,
וועלכע ווילען איבערגעהן אויף מעכאַנישע שטיהל, קענען זיך מעלדען אין דער וועבעריי ביים רעזאָרטונגס-קאָמיטעט פאָלודניאָוואַ № 78/80
בעמ.: די וועבער, וועלכע ענדיגען די דאָזיגע שול קענען בעקומען בעשעפטיגונג אין דער זעלבער וועבעריי, עווענטועל אין אַנד. פאַבריקען.

עלטערן!
אין מיין לאַנג חדר שולע וועלכע געזעטסטיווערענדע געמעטען קינדער וואָס לערנען אין פּאָווזשעכנע-שולעס צו לערנען: חומש, רש"י, נ"ך משניות, גמרא, היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברעאיש, אויך יודישע בריה זעלבסט צוזאַמענשטעלען, ס'ווערען אויך אָנגענומען אָנפאַנגער פון 5 יאָהר אָן, ווי ס'ווערט אין פערלויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך עברי, א שטרענג רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פּרייזען!
מנהל יחיאל דוד ראָזענפעלד
פּלאַץ-וואָלנאַשטשי (נייע שטאָט) 6
קוועך אַמיצינע רעכטס II שטאָק

אַלע סוחרים מוזען וויסען,
אַז דאָס בעסטע מיטעל געגען באַנקראָטען און פּראָטעסטירטע וועקסלען, איז צו ווענדען זיך אין די בערימטע ביוראָ סענדאָמיר
„וועריטאַס" זשגאָווסקאַ 12 (געער'ס מאַרק).
פּראַנט-לאָקאַל, וואו אַלע חובות-ענינים פון פּראָטעסטירטע וועקסלען ווערען שטרענג בעהאַנדעלט און פון דער ביוראָ געזיכערט און גאַראַנטירט. דאָס ביוראָ שיקט אַרויס אייגענע מענשען אויף דער פּראָווינץ אין גאַנץ פּוילען.
דאָס ביוראָ ערלעדיגט אויך אַלער אַרט ביט שריפטען אין אַלע רעגירונגס-אינסטיטוציעס.
בעמ.: פאַר די שטאָטישע קונדען צאָהלען מיר צוריק פאַר טראַמוואַי-הוצאות.

קנה חכמה קנה בינה
ואל תט מאמרי פי
אַז דו דאַרפסט ערלעדיגען סאַנדראָווע זאַכען וואָלסט דו גלייך קומען צו לויפען אין ביוראָ
17 פּיעטריקאָווער 17
52 זאַכאַדניאַ 52
אז תלך לבטח דרכך
ווייל אין ביוראָ ביי ה' מאַנעלאַ ווערט געוויסענהאַפט ערלעדיגט און געשריבען אַלע סאַנדראָווע זאַכען, ביטעס, קלאָזולעס, זאַפּיסעפּיסעפּניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, קאָרנע און ציוויל אַפּעלאַציעס, אַדוואָקאַציעס אונטערצויזיעס, ספּעציאַליסט פון שותפות-אַקטען, איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען מיט אכטונג
י. מאַנעלאַ פּיעטריקאָווער 17
דורכגאַנג זאַכאַדניאַ 52

עלטסטער פעלדשער
מ. ראָזענצווייג
וואָכאָדניאַ 29
טעל. 79-48.
טעגליך ווערט געשטעלט פּאַקען
מיט ציינגישען דערויף.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
און צאָהן-ערצטליכער קאַבינעט
17 זגערזשער 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראַקאָווסקי	נאָז-, האַלז, אויערען-קר.	פון 10-1, 2—3, 6—7
ד"ר יוסטמאַן	נערווען-קראַנקהייטען	פון 12—
ד"ר רוזשאַנער	הויט און געשלעכטס-קר.	10—11, און 1-2 נ.מ.
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	10—1, 2—5
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען- און געבורטס-הילף	12½—1, 5—6
ד"ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	1—2, 7—8
ד"ר מאַנטאָר	כירורגישע קראַנקהייטען	ז. 1—, 4— 3
ד"ר ווייזנבערג	אינ"רע, ספּעצ. הערץ, לונגען	11—1, 6—7
ד"ר סטופּעל	רענטגען	12—10, 6—4
צאָהן-אַרצט א. גראָדזענסקי צאָהן-אַרצט נ. ראָזעס	צאָהן- און מויל-קראַנק.	3—9 3—9

סינטעטישע העהענזאָננע-בעשטראַהלונג. פּאַקעטיש מעלע
ביי דער לעטשניצע איז געעפנעט געוואָרען
א רענטגען-אינסטיטוט
קוואַרץ-לאַמפּ, דיאַטערמיע און עלעקטראָ-פיזישע קאַבינעטן.
וויזיטען אין דער שטאָט. עפענען אויך זונטאָג.
אַלע אַרט מעדיצינישע אַנאַליזען. — קורסען פאַר שטאַמלער
אימפּונגען נעגען שקאַרלאַטינע.

ערצטליך-קאָסמעטיש-קאַבינעט.
פּרל. מ. מאַרסים נעמט אָן פון 5-7 אָוונט.

לעטשניצע
פון דאָקטוירים-ספּעצ. און דענטיסטען-קאַבינעט.
פּיעטריקאָווער 62, טעל. 31-53.

אינערל. קראַנקהייטען	ד"ר ב. ראַבינאָוויטש „ מ. וואָלפסאָן „ א. טענענבוים	פון 7—8 „ 12—2 „ 4—6
כירורגישע קראַנקהייטען	ד"ר י. שרייבער „ א. פּאַקשאַנסקי	פון 3—4 און 7—8 „ 12—1 און 5—6
פרויען-קראַנקהייטען און געבורטס-הילף	ד"ר ד. אַלטערמאַן „ מ. פעלדמאַן פרוי ד"ר ח. זעלדאָוויטש-קלאַשטקאַ „ „ גוסטאַווא זאַנד-טענענבוים	פון 11—1 „ 5½—7½ שבת, זונט. דינסט. דאָנ. 8- זונט. מאָנט. מיט. פרייט. 3-5
קינדער-קראַנקהייטען	ד"ר ס. גוטענטאַג „ ל. פאַמיליער	פון 12—1 פאַרמ. „ 4—6 אָוונד
נערווען-קראַנק	ד"ר מ. מאַשלאַנקאַ	פון 6—7
אויגען-קראַנקהייטען	ד"ר י. סטופּאַי „ ס. האָלענדערסקאַ	פון 1—2 און 4—5 11—12, 6—8 זונט. 12—
נאָז, האַלז און אויערען-קראַנק.	ד"ר מ. קלאַטשקאַ	פון 7—8
הויט- און ווענערישע קראַנק	ד"ר קלינגער „ י. סאַלאָווייטשיק	פון 2 — 1 „ 6—8
ציין- און מויל-קראַנקהייטען	צאָהן-אַרצט: ס. שעהעס „ מ. רעזניקאָווא „ ב. טשודנאָווסקאַ „ נ. קאַצענבאָגען	פון 9-10.45 און 8-9 אָוו. „ 5—2,15 „ 11—1.45 „ 8—5.15
אוראָלאָג. אורין-קראַנק.	ד"ר ראַפּאָפּאָרט	פון 3—4 נ.

די לעטשניצע איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אין אָוונד
טוואַרץ-לאַמפּען און גרופּען-בעשטראַהלונג
עס ווערען געמאַכט אָפּעראַציעס, בעשטראַהלונגען מיט קוואַרץ-לאַמפּען, עלעקטריזאַציע און אַנאַליזען, קינסטליכע ציינער, קאָראָנעס, גאָלד-בריקען און פּלאָטין.
וויזיטען אין שטאָט. נאַכט-דיזשור. געבורטס-הילף.

ווייכטיג פאַר די, וואָס פאָהרען אויף אורלויב!
ווילט איהר אייער אורלויב גוט פערברענגען? ווילט איהר האָבען אנגענעהמע געזעלשאַפט? פאָהרט אויף אָפּרוהע נאָר אין בעוואוסטען
פּענסיאָנאַט „WYGODA"
St. GŁOWNO, Polenice. Wila Misiaka
obok Nowego Otwocka w lesie
גרויסע זוניגע צימערן, כשר'ע, היגיענישע קיך, שעהנע געגענד.
קאָנקורענץ-פּרייזען—30% ביליגער ווי איבעראַל;
בעמערקונג: בעטגעוואַנד איז נויטיג מיטצוברענגען.
צו ווענדען זיך דירעקט צו פרוי אפעל אין פּענסיאָנאַט „ווינאָדאַ"
אין לאָדז ערטיילט אויסקונפט: אַפּעל, זאַוואַדזקאַ 23, אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס, פּאַרטער.
פאַר יוגענדליכע און ערהאָלונגספּעניע —

רעפּאַראַמאַצקע פּילען
מיט דער מאַרקע נייטליכער בעקאַנט פון יאָהר 02-
רעגולירען דעם מאַגען, יצאן פון ראָומאַטיזם, ליבערש ליידען, גאַגען ריקיגס, אַקטוראַטיזם, דאָסמען בלוט און קאָפּ, שטילען די יסורים פון הערמאָראַידען, רייניגען דאָס בלוט און ביינייגונגען צו אַבסטרוקציע—רייניגענס דורכרייניגונגס-מיטעל.
צוגעברויכען 1 אָדער 2 פּילען א נאַכט.
פּרייז פון א שאַכטעל 1.35 אויסאַרבייטונג פון דער אַפּטייק

Karezewski i Tuszyński, Warszawa
Trębacka 4
צו פערלאַנגען אין די אַפּטייקען און סקלאַדען מיט'ן „געסטליכען" (zakonnik)

בעקאַנטמאַכונג!!!
עס האָט זיך געעפענט די ערשטע יודישע מעכאַנישע שלייפערייי ווי אויך ווערט אָנגענומען צו שלייפען אַלערליי שערען מעסער ראַזיר-מעסערס הושיזשאַקעס צו פלייטשמאַשינען א.ז.וו.
לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ 27.
(איינגאַנג נאָר לודקאַ 2, דורך די קאַרקען פאַבריק אין הויף.)

לעזט און אַבאָנירט
— דאָס —
לאָדזער טאָגעבלאַט

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קוואַרץ לאַמפּ-עלעקטרישער הייל-קאַבינעט-קאָסמעטיק
טעטיג פון 8 א זייגער ביז 9 אָוונד
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג
בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען
וויזיט 3 זלאָטעס

אַבאָנעמענטס-פּרייז: [illegible] אַנאָנסען-פּרייז: [illegible]

Redaktor-wydawca Z. Hamburski
Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 18.